STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04787

DI FLEYT FUN MAYNE BEYNER

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence A. Riemer
in memory of
Sidney & Alice (Riemer) Cheser

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ.־מ. שאַפּיר

די פּלייט פון מײַנע ביינער

מאָנטרעאָל, 1978

Printed in Canada.

M. M. SHAFFIR
De flayt foon meine bayner
(The flute of my bones)

POEMS

All the expences for this publication have been covered by a grant from the Canada Council, for which I express my deepest gratitude.

M. M. Shaffir (Schachter)

אַ דאַנק

דעם ה׳ שמשון דזנסקי, וואָס ער האָט געלייענט די קאָרעקטורן
און דעם ה׳ לוי מיהלשטאָק, פֿאַר דער צייכענונג אויפֿן טעוועלע

פֿונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פֿידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973
אין מײַן געפֿאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צוגענייגטע רייד (לידער), ניו־יאָרק, 1977

גלאָסאַר — בײַם סוף

זיבן שטערן־לײַכטערס

זיבן שטערן־לײַכטערס בענקען אין די װײַטן.
שיק מיר צו אַ װינטל, איך זאָל אויף אים רײַטן
צו די בענקענדיקע שטערן אין די װײַטן.

אין אַ מיטן ים װוּ שווימט אַ שיף, אַ מידע
און זי ציט אין װאַסער דינע װײַסע סלידן —
כ׳וועל אויף זיי זיך יאָגן נאָך דער שיף, דער מידער.

פֿון די װײַטן ערגעץ ציִען צו מיר קלאַנגען —
איך בין דאָ פֿון בענקענישן אויסגעגאַנגען
נאָך די װײַטן, װאָס כ׳האָב נישט געקענט דערלאַנגען.

דער מאַמעס מעשׂהלע, דעם טאַטנס ניגון

חלילה מיר, איך פֿאַל נישט אָן אויף קיינעם —
נאָר מיך באַפֿאַלן יאָ צוויי גרענאַדירן,
זיי קומען שטיל מיט מיר מלחמה פֿירן.

די בענקשאַפֿט מיטן חלום קומען נאַכטצײַט —
און ווי זיי הייבן אָן זיך מיט מיר ראַנגלען —
בין איך דער העלד און כ׳נעם זיי באַלד געפֿאַנגען.

זיי בלײַבן איבער נאַכט בײַ מיר אין טורעם,
און וואָס איך הייס זיי, פֿאָלגן זיי מיך גערן,
אויך איך צו זיי בין גערן ניכנע ווערן.

* * *

כ׳האָב מיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ חלומס פּאָלעס —
איז ער אַוועק מיט מיר, דורך ווײַטע בויגנס,
אַהין־אַהין, וווּ ס׳האָט מיך לאַנג געצויגן.

ער האָט זיך דאָרט מיט מיר אַראָפּגעלאָזן
באַזאַכט — אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע פֿליגל,
ווען ער דערזעט די אָדלערלעך אין וויגל.

כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט. וואָס זוך איך דאָרטן?
אַ, נישט קיין גאוודיקע מאָנומענטן,
צי קלויסטערס — שפּיצעכיקע צלם־פּרענטן.

ווײַל אין מײַן יִחוס־קייט איז נישט פֿאַראַנען
קיין שום קוטוזאָווס, גענעראַלן פּוסטע,
און כ׳הייב נישט אָן נאָך זיי צו בענקען, גלוסטן.

וואָס לאָזן זיי דער וועלט נאָך זייער פּגירה,
אָט די באַפּוצטע, וויסטע גענעראַלן?
אין וואָרעם בלוט געוואַשענע קינזשאַלן.

דאָס אייגענע: מלוכה־לײַט און אָדל,
און ריטערלעכע, דרייסטע שווערדן־שווינגערס,
און אָראַטאָרן מיט געהאַקטע צינגער.

סײַ די, סײַ די — דערמאָנט מען נאָר די נעמען,
פֿאַרשעלט מען ביטער זייערע געביינען:
זיי זאָלן שׂרפֿען ווי די מידבר־שטיינער.

איך ווייס נישט פֿון קיין כּוח, גבֿורהשקייטן —
מיך כאַפּט אַזש אָן דערפֿון אַ פֿרום געלעכטער;
דערפֿאַר אַ דאַנק דיר, גרויסער גאָט, גערעכטער.

*

די שטאָט איז ווילד. איך מוז אין מיטן טאָגליכט
באַהאַלטן זיך, זיך שלײַכן ווי אַ שלאַנג נאָר —
נאָר כ׳ווייס נישט פֿון קיין פֿינצטערע געדאַנקען.

כ׳וואָלט וועלן ניצן כּוח, גבֿורהשקייטן,
און עפּעס שיינס און גוטס דער וועלט באַווײַזן —
נאָר אָן געהרגערײַ, אָן שאַרפֿע אײַזנס.

צי ווינציק טרענקט זיך הײַנט די וועלט אין טומאה?
זי טאַנצט צום אייגענעם געשעכט, מיט דזשאַז,
די ערד איז קרעציק מיט מגפֿה־גאַז.

כ׳האָב נישט גערירשעט קיין באַפֿלעקט כּלי־זיין,
און אויכעט נישט קיין גאָלד, צי דימענטגריבער —
צו מיר אַ וווּנדער איז בירושה אַריבער.

דער מאַמעס מעשׂהלע, דעם טאַטנס ניגון —
מײַן צוגעטיילטע, ערלעכע ירושה —
זיי קומען מיר אַ טרער אַראָפּצוקושן.

אין ביטערע מינוטן, אין דער פֿינצטער —
ווער קומט מײַן פּײַן מיר שטילן און פֿאַרוויגן?
דער מאַמעס מעשׂהלע, דעם טאַטנס ניגון —

אַז ביטערנישן ווילן מיך פֿאַרפֿלייצן —
הייבט אָן דעם טאַטנס ניגון זיך צו וועבן,
דער מאַמעס מעשׂהלע — מיך אויפֿצולעבן.

איך וואָלט דאָס לעבן מײַנס אַוועקגעגעבן

אַ פֿויגל איז פֿאַרבײַ מײַן אָפֿן פֿענצטער,
אַרויסגעלאָזט אַ טרעל, און איז אַוועק.
די שויב האָט, דאַכט זיך מיר, געטון אַ קלימפּער,
און איך האָב מיך אַרומגעקוקט, מיט שרעק.

די טויטע שויב, דער פֿליִענדיקער פֿויגל,
דאָס בידנע ביסל מאָך, וואָס אויפֿן דאַך —
מע רעדט זיך דורך, מע קוקט זיך פֿרײַנדלעך איבער,
מ׳האָט אויגן און אַן ערלעכדיקע שפּראַך.

נאָר איך, דער פּילדערער — איך קען האַלאָסען.
אַ בענקשאַפֿט כאַפּט מיך אָן, אַ שטום געוויין:
דאָס לעבן מײַנס וואָלט איך אַוועקגעגעבן,
די שויב, דעם מאָך, דעם פֿויגל כ׳זאָל פֿאַרשטיין.

איך בין אין שטאָט־געטומל טויב געוואָרן.
פֿון אייגענעם געשריי בין איך שוין שטום.
אוי, גיב מיר, גאָט, דעם וואַסערלס געשעפּטשע,
דאָס שמעקעדיקע שווײַגן פֿון דער בלום.

אַ שטערנדל איז מיך מקנא

אַ שטערנדל איז מיך מקנא:
דו וויינסט דיר אויס צו מאָל די אויגן,
ביז סאַמע דנאָ פֿון טרערן־ברונעם —
און ס׳הייבט דיר אָן זיך אויסצודאַכטן
אַז אויף אַ רגע ווערט דיר גרינגער.

די ליפּן קענסטו דיר צעבײַסן —
און אויף דײַן צונג דײַן בלוט דערפֿילן,
אָבי דעם ווייטיק צו פֿאַרטייבן,
און ווײַטער האָבן מגע־משׂא
מיט זון, מיט טויזנט קליינע פֿריידן.

קענסט לעסטערן די הייליקייטן,
וואָס זענען דיר געווען אַן אָפּרו
אין אַלע דײַנע וואָגלענישן;
קענסט דיך פֿאַרשיכּורן מיט שיינקייט —
מיט גוטן ווײַן, וואָס טרייסט אַ רגע.

פֿאַרמאָגסט אין דײַנע הענט די בחירה:
אין מיטן חושך ווערט דיר ליכטיק
אַן איינציקע מינוט — אַ בלינדע —
דערזעסטו אויף אַ שטריק זיך וויגן,
צי פֿליִען פֿון אַ צענטן גאָרן —
און דײַנע אַלערליי חשבונות
מיט גאָט, מיט מענטש, מיט טויט, מיט לעבן —
פֿאַרשווינדן, אָט ווי נישט געווען גאָר, —
בײַ דיר אין פֿלייש און אין דײַן דימיון
זיך רויען טויזנטער השׂגות
צו גוטן, און אַ מאָל צו בייזן . . .

און בענקסט גאָר נאָך געבלענדטער שיינקייט
פֿון אייביק גליווערדיקע שטערן? . . .

***

כ׳האָב געהויערט
בײַ אַ קאָרעטע אַ בלויער,
און כ׳האָב פֿון איר אַלטן טרויער
ווונדערלעכס אַרויסגעצויגן:
זיבן רעגנבויגנס
שפּרייטן זיך פֿאַר מײַנע אויגן.

איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן
צו דער ערד —
כ׳האָב געוואָלט זיך ברענגען
ווי אַ קרבן־תודה
פֿאַר די הימלען, די צעבלויטע,
וווּ די זיבן רעגן־בויגנס הענגען —
נאָר איך בין נישט ווערט.

כ׳האָב געזען אַ וואָלקן שוועבן

כ׳האָב געזען אַ וואָלקן שוועבן,
אַזוי מין אײדל און שיין,
אַז ס׳האָט מיר פֿאַרפֿעלט דער אָטעם
און כ׳האָב מיך אַזש צעוויינט.

פֿאַר וואָס סע דאַרף אָנקומען וויינען,
אַז מע זעט אַזאַ ליכטיקע פּראַכט —
מע טראַכט שוין דערוועגן זינט אייביק,
נאָר מ׳האָט זיך צו גאָרנישט דערטראַכט.

כ׳האָב גענומען צום וואָלקן רעדן
פֿאַרכאַפּט און אין דער גיך:
„פֿון וואַנען ביסטו געקומען
און וווהין אַזוינס נעמסטו זיך?

איך זע, דו ביסט לויטער שיינקייט,
ביסט איבערערדיש באַחנט —
צי האָסטו אין זיך אַ ממשות,
וואָס אייביקט און וועט נישט פֿאַרגיין?

צי נאָר אין מיינע אויגן
ביסטו אַזוי איידל און ריין?
כ׳מיין: וואָס ביסטו אָן מײַן התפּעלות?
וואָס ביסטו, אַז דו ביסט אַליין?

איז דיר דײַן שיינקייט גענוג שוין,
צי ווילסטו, מע זאָל דיך אויך זען —
מע זאָל זאָגן: אַזאַ מין שיינקייט
איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען — ?"

כ׳האָב געוואָלט נאָך ווייס איך וואָס פֿרעגן,
געווען איז מײַן גלוסטעניש גרויס —
נאָר דער וואָלקן אין די הייכן
האָט אַ פֿלאַטער געטון — און אויס . . .

אַ פּאָעט בישׂראל

„גשמהלע, זײַ נישט אַזוי פֿאַרקלערט,
גיי, בידער אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד —

אין אַ שטאָט, וואָס הייסט שאָץ, אין אַן אָרעם הויז,
וואָס צווישן מאַרק און צווישן דער קלויז —

אַ יולדת גייט דאָרט שווער צו קינד, —
איז פֿלי זשע אַראָפּ אַהין געשווינד.

נישט ציטער. אַ מלאך פֿליט מיט מיט דיר,
און ער וועט דיך צופֿירן ביז צו דער טיר.

זאָלסט שטיל אַרײַן, ווי אַ שאָרכגעדאַכט —
דאָרט דרימלט אַן עופֿעלע, נאָך אין דער טראַכט.

אַזוי גיך ווי דו וועסט אין זײַן גופֿל אַרײַן,
וועט די יולדת ווערן דערלייזט פֿון פּײַן.

אַזוי גיך ווי דאָס עופֿל וועט טון אַ געשריי,
וועט זי מער נישט פֿילן דעם מינדסטן ווײ.

נשמהלע, אײַל זיך אַראָפּ אויף דער ערד —
דיר איז דאָרט שוין געצייכנט אַן אָרט, און באַשערט.

דו ציטערסט, ווילסט וויסן וואָס סע וועט זײַן
נאָך דעם ווי דו וועסט אינעם גוף אַרײַן.

אי גוט, אי שלעכט, אי אויסגעמישט —
סע וואָלט גלײַכער געווען, ווען דו פֿרעגסט מיך נישט.

אַ מאָל, מיט יאָרן שפּעטער, אַ מאָל —
וועסטו זײַן אַ דיקטאַטאָר בישׂראל.

נישט וואָרט, אַז מע זאָל דיך בענטשן דערפֿאַר —
וועסט זײַן אין דײַן מלכות דער קיניג, דער נאַר.

און שעלטן וועט אויך דיך נישט קיינער, ניין —
וועסט דיך שעלטן אַליין, דו גאַנץ אַליין.

סע וועלן דיר אויסוואַקסן פֿליגל צוויי,
וואָס מע קען צו די שטערן פֿליִען מיט זיי.

צו די שטערן פֿליִען, אוי, וואָלסטו געקענט,
נאָר וועסט האָבן געבונדענע פֿיס און הענט;

און אין האָרץ וועט דיר ליגן אַ שטיין, ווי אַ פּוד —
און וועסט דאַנקען גאָט און נאָך זאָגן: ס׳איז גוט . . .

די פֿליגל — צו פֿליִען, אין האַרץ — אַ שטיין,
און צווישןביידע — דײַן שטיל געוויין.

וועסט טראָגן — ס׳וועט קיינער נישט זען — אַ קרוין,
אין דײַנע פֿיר ווענט, אין דײַן אייגענעם וווין.

נאָר דײַן קאָפּ וועט זיך בייגן אין אומעטיקייט —
פֿון פֿאַרשעמטער בענקשאַפֿט, פֿאַרלאַכטער לייד;

און פֿון אומגיין געבויגן און אײַנגעדרייט —
וועט דיר וואַקסן אַ האָרב, ווי דער שטייגער גייט —

און די קרוין, דײַן איינציק שטיקל ציר,
וועסטו אַנטון אויפֿן האָרב בײַ דיר.

וועסט זיך שעמען: אַזוינס נאָך נישט געווען —
נאָר גאָרנישט, ס'עט קיינער סײַ ווי דיך נישט זען.

דער האָרב איז נישט קיין באַהעלטעניש,
נאָר אַהין וועט אַרײַן דײַן בענקעניש.

און וואָס מער דו וועסט וועלן באַהאַלטן דײַן סוד —
אַלץ מער וועט ער ברענען אין דיר, ווי אַ זאָט.

ער וועט טומלען אין דיר, ער וועט זינגען מיט גראַם,
און דיך שפּײַזן מיט ביטערן האָניק, ווי סם.

ער וועט זינגען פֿון האָרב אַרויס, טאַנצן צו מאָל —
געדענק: דו וועסט זײַן אַ פּאָעט בישׂראל.

ווי קען עס אַ סוד אין אַ האָרב אַרײַן,
אַ סוד, וואָס איז בענקעניש און וואָס איז פּײַן?

בוכהאַלטאָרן גרויסע זאָגן אַליין,
אַז זיי קענען דעם סוד דערפֿון נישט פֿאַרשטיין.

און אַ האָרב זאָל מען הערן, און זען אים — נישט,
איז נאָר אַ געלעכטער, אַ רעטעניש.

וועסט וועלן פֿאַרשפּאַרן דעם האָרב מיט דער קרוין —
אַ קרוין אויף אַ האָרב — וואָס האָט זיך געלוינט?

אַ קרוין אויף אַ האָרב איז אַ מיאוסע ציר —
נאָר ס'עט נישט זײַן געווענדט אין דיר.

וועסט מוזן זינגען — אַזוי ווי דו קענסט,
מיט געבונדענע פֿיס און געפּענטעטע הענט.

און מיט פֿליגל פֿולע מיט בענקעניש,
נאָר זיך הייבן און פֿליִען — דאָס קענען זיי נישט.

אָן איינציקע טרייסט ווּעסטו האָבן, קען זײַן —
דאָס פֿייגל־געזאַנג, די שטערנשײַן.

זיי נאָרן נישט, זיי זענען געטרײַ,
און ווי אַלט זיי זענען, בלײַבן זיי נײַ.

מע וועט זאָגן: דו זעסט, די וועלט קומט אום —
און דו זינגסט פֿון אַ שטערן, אַ פֿויגל, אַ בלום?

מע בײַלט זיך, מע קײַלט זיך, מע שטעכט זיך די בײַך —
און דו קוקסט אין די וואָלקנס, ווי גאָרנישט גלײַך?

ס'איז אפֿשר דער אחרית־הימים — ווער ווייסט? —
און בײַ דיר זענען פֿייגל און שטערן אַ טרייסט?

זאָלסטו זאָגן, דאָס האַרץ פֿון דער וועלט טוט דיר ווײ,
נאָר דו האָסט נישט קיין קול פֿאַר קיין ווייטיק־געשריי.

דו בײַסט דיר די ליפּן שטום דורך די נעכט,
און פֿאַרגיסט אויף איר טרערן גאַנצע בעך.

און זאָג, אַז אַזוי איז מסתּם דיר באַשערט
זינגט דײַן ערשטן אָטעם דאָ אויף דער ערד.

און צום לעצטן אָטעם איז אפֿשר נישט ווײַט —
נאָר פֿאַר פֿייגל און שטערן נישטאָ איז קיין בײַט.

נשמהלע, זײַ נישט אַזוי פֿאַרקלערט —
גיי, נידער אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד . . .

שטיל

איך שמייכל טיף אַרײַן אין מיר,
און איך ווענד מיך אָװעק אין אַ זײַט,
אַז דאָס זיסע פֿייגעלע זאָל מיך נישט זען,
וואָס זינגט אויף אַ צווײַג נישט ווײַט.

דאָס פֿייגעלע קען נאָך, חלילה־וחס,
מײַן שמייכל שלעכט פֿאַרשטיין —
כ׳האָב עמעצן אַ מאָל פֿאַרשעמט,
איז פרעסט עס מיך נאָך ווי אַ שטיין.

שוין שיינע עטלעכע צענדליק מאָל
ווי די זון באַדרייט די ערד —
איך וויל פֿאַרגעסן יענע מינוט,
נאָר זי פֿאַרגעסט זיך שווער.

איך האָב אַ הוסט געגעבן שטיל,
נישט אויפֿצוּוועקן דעם בוים.
וואָס דרימלט איצט, מסתּם, קען זיין —
אַ ריר זײַנעם זעט מען אַזש קוים.

דער קרײַטעכץ איז שטילער, אים צו פּוס,
סע קען, דאַכט זיך, שטילער נישט זײַן.
ווער ווייסט, וויפֿל צרות ר׳האָט איבערגעהאַט —
און ער האַלט עס אין זיך אײַן.

כ׳וויל שטילער פֿונעם קרײַטעכץ זײַן,
און פֿונעם בוים סײַ ווי —
ווי דער שאָטן פֿון אַ פֿייגעלע,
אַ פֿייגעלע אין פֿלי.

נאָר שטיל אַזוי און זינגעוודיק
ווי דער שטערנגאַנג אַליין —
און גאָט ט׳מיך זען, כאָטש ער איז גרויס,
און איך — ווי אַ מילבעלע קליין.

ער רעדט מיט דונערן אויף בערג,
ער שרײַבט אויף נאַכט מיט בליץ —
נאָר ער הערט מײַן ביטער טראַכטעניש
אין דער כאַטע, וווּ איך זיץ.

דער פֿריפּעטשיק איז מיר צעבראָכן

אַ, ניין — איך בין נישט קיין מימאָזע, —
כ׳האָב דווקא ליב באַריר פֿון פֿינגער,
פֿון אַלע לאַסקעס, וואָס מע שענקט מיר,
מײַן טרויער אָבער ווערט נישט גרינגער.

איך גיי פֿאַר נאַכט מיט שטילע גאַסן — —
זיך ווינציקער פֿאַר לײַטן ווײַזן.
דער פֿריפּעטשיק איז מיר צעבראָכן —
אַז כ׳האַלט עס אויס, בין איך פֿון אײַזן.

איך זע די וועלט פֿאַרנאַכט־צייט קלערער —
נישטאָ די זון, זי זאָל מיך בלענדן;
און דאָס געריטשעניש פֿון טאָגצײַט,
וואָס פֿאַלט אויף מיר ווי שווערע פרענטן.

דער פריפעטשיק איז מיר צעבראָכן —
נאָר כ׳זאָג עס קיינעם נישט, חלילה.
דאָס קישעלע פֿון מיין צוקאָפּנס
הערט אויך נישט מײַן געוויין, דאָס שטילע,

ווער הערט מיך יאָ אַ מאָל? מײַן פֿידל —
מײַן פֿידעלע ט׳מיר אייביק גלייבן.
איך בין געפֿאַלן, גוטע־ברידער,
און כ׳ווייס נישט ווי זיך אויפֿצוהייבן.

דאָס פֿידעלע אַלײַן אַפֿילו
ווערט אויך מיר צעטנוויַז דערעסן —
איך וויל עס וואַרגן. כ׳האָב קיין האַרץ נישט,
און כ׳האָב עס ליב דערוויַל פֿון דעסן.

און מיר׳ט קיין טאָטער שוין נישט העלפֿן —
כ׳גיי אום ווי שיכּור, נאָר כ׳בין ניכטער,
דער פריפעטשיק איז מיר צעבראָכן —
איין גאָט נאָר קען מיר אים פֿאַרריכטן.

ווי דורך ווײַטע פֿלייטן

כ׳האָב מיך אַ מאָל פֿאַרבלאָנדזשעט
אין דרימלדיקע טאָלן — — —
ס׳האָט נאָר אין מיר געפֿלאַטערט
אַן אָפּדאַכט פֿון אַ חלום,

און אַ פֿאַרבענקט געפֿאָכע
פֿון טויבן־פֿליגל ווײַטע —
און כ׳האָב געהערט זיך קוליען
געטופּע, ווי פֿון רײַטערס.

כ׳האָב אָנגעהויבן לויפֿן
ווי אין אַ שטײַג אַ חיה,
ווען ז׳ דערפֿילט: פֿון ערגעץ
דערנענטערט זיך אַ פֿײַער.

ס׳איז עמעץ מיך באַפֿאַלן —
כ׳האָב נישט געפֿילט קיין פֿינגער,
כ׳האָב נאָר געפֿילט: מיך וואַרגט ווער —
און כ׳האָב גענומען זינקען.

איך האָב געפֿילט: איך זינק אַלץ —
כ׳האָב נאָך געהאַט נאָר אויגן —
זיי זענען ווי צוויי זשוקן
פֿאַרסמטע אומגעפֿלויגן.

די שרעק האָט מיך דערוואָרגן —
איך בין אַזש אומגעקומען,
ווי אויף אַ טויטן זייגער
האָט נאָך געצאַנקט מײַן אומרו.

כ'האָב קוים געזען אַ פֿונק ווו,
און קוים געהערט אַ קלאַנג נאָך.
די זון האָט זיך פֿאַרלאָשן,
זי איז גאָר נישט פֿאַרגאַנגען.

נאָר אין דער לעצטער רגע —
איך קען זי קוים געדענקען —
האָט עמעץ מיך דערמינטערט:
כ'האָב אָנגעהויבן בענקען.

אַ פֿלייט האָט זיך צעיאָמערט
אין מײַנע טויטע ביינער,
און די יללה אירע —
ווי זי וואָלט מיך באַוויינען.

די פֿלייט האָט ווילד געכליפּעט
און האָט זיך נישט באַהאַלטן: —
ס'איז דורך דורך איר אַ דונער
און זי אויף טויט צעשפּאָלטן.

איין העלפֿט איז אויפֿגעגאַנגען
צו גאָט — אין זשאַרן הייסע,
וואָס ער האָט זי באַשאַפֿן
און היטן זי געהייסן.

נאָר איך האָב מיך פֿאַרבלאָנדזשעט
אין דרימלדיקע טאָלן —
איז פֿון דער פֿלייט אַ העלפֿט קוים
געבליבן אין מײַן חלום.

און נאָכן וויסטן חלום,
כמעט שוין בײַ די ראַנדן,
האָט עמעצער די פֿינצטער
אין אַ פֿאַרטאָג פֿאַרוואַנדלט.

און קוים געדאַכטע קלאַנגען
האָב איך דערהערט זיך וויגן,
און — ווי דורך ווײַטע פֿלייטן —
פֿאַרטרויען מיר אַ ניגון.

געוואָלט דעם ניגון כאַפּן,
נאָר כ׳האָב מיך אַלץ פֿאַרשטאַמלט,
כ׳האָב בלויז די ווידערקלאַנגען
געקענט אין מיר פֿאַרצאַמען.

די ווידערקלאַנגען כליפּען
פֿון עפּעס דאָרט אַ מעשׂה
מיט קינדערישע וויגן
און ציגעלעך קלאָר ווײַסע . . .

פֿון העט אַריבער טײַכן
דערהער איך ווײַטע פֿלייטן —
ווו כ׳האָב געהאַט אַ לאָנקע,
אַ בלאָ־און־גרין געשפּרייטע.

אַ פֿלייט, אַ האַלבע, ציטערט
אין מײַנע פֿינגער מידע —
און בלויז צו ווידערקלאַנגען
האָט זיך דערבענקט דאָס ליד מײַנס.

איך הער נאָר, ווי זיי צאַפּלען,
איך הער אַ שטיל געוויין נאָר —
זיי שלענגלען דורך אין חלום
די פֿלייט פֿון מײַנע ביינער.

ל י ד

אַ מאָל, אַז ער׳ט שרײַבן דאָס צוואַנציקסטע בוך,
דאָס צענטע איז באַלד שוין פֿאַרטיק —
וועלן לײַטן זיך לאָזן געבן אַ קוק
אויף זײַן מאָדנע אײַנגעשפּאַרטקייט.

. . . אין דרויסן וועט שטיין אַ שיינער טאָג,
די פּאָגאָדע וועט נישט נאַרן,
און לײַטן שטראָמען זען דעם פּאָעט,
וואָס זיי מוזן אים זען, זיי גאַרן.

מע קומט פֿון אַלע ווײַטע שטעט,
פֿון איין עק לאַנד ביזן צווייטן.
און ער שטייט און וואַרט, און אים׳דאַכט זיך אויס —
אַז דאָס האַרץ אין אים טאַנצט און פֿרייט זיך.

אַ צערודערטער שטייט ער און קוקט אַרויס
דורך אַ פֿאַרנטיקן פֿענצטער:
זיך אויסשטאַפּירן ווי צון אַ באַל.
אין אַ שלוסראַק און אין אַ שפּענצער,

און אין אַ שניפּס, אַ צעכוואַליעטן,
און צעפּאַטלען די האָר, די געדיכטע?
ער הערט: סע דערנענטערן זיך שוין רייד —
„מיר'ן געקומען זען דעם דיכטער."

און הײַנט די בלומען, וואָס מע ברענגט —
ס'איז גאָרנישט נאָכצוזאָגן!
און איינער, מסתּמא אַ וואַזשנער מענטש, —
ער שטופּט אַזש אַ גאַנצן וואָגן.

און מע רינגלט כּמעט אַרום דאָס הויז,
און מע רעדט אויף הויכע קולות:
„ער'ט זיך אַליין אַ מצבֿה געשטעלט,
מיט די הוילע צוויי הענט — אַז ווויל אים.

די מצבֿה וועט שטיין און שטיין און שטיין
אַן אייביקייט מיט אַ ביסל —
אַז ווויל, וואָס ער האָט די שאַפֿערישקייט
אויף קיין רגע נישט איבערגעריסן.

מיר האָבן אים נאָכגעקוקט פֿון דער ווײַט,
נישט געוואָלט אים קומען און שטערן.
אַז ווויל איז אים, וואָס אַ לעבן לאַנג
האָט ער ליב געהאַט פֿייגל און שטערן.

נישט געוואַלט אים קומען פֿאַרדרייען אַ קאָפּ,
צי, חלילה, אים באַמיִען —
מיר האָבן אים אָבער געוווּנטשן פֿון וויַט,
אַז זײַן גאָרטן מיט לידער זאָל בליִען.

דער עול פֿון אַ ייִדישן פּאָעט
האָט אים גוט געבויגן דעם רוקן —
נאָר ער האָט, אין זײַן מאָדנעקייט,
נישט געוואָלט זיך צו קיינעם בוקן.

אַ שיינע איידלקייט אַזאַ
איז נישטאָ — מע זאָל אויספֿאָרן וועלטן! . . ."
דער דיכטער שטייט און הערט זיך איַן,
און סע באַשלאָגט אַ קעלט אים.

נאָך אַזאַ מין הספּד גייט ער אָפּ
פֿונעם פֿענצטער שטאַרק פֿאַריסורימט.
ר׳האָט געוואָלט אַן איינציק וואַרעם וואָרט ,
און נישט קיין ווערטער־פּורים.

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
דער פֿאַראַד וועט באַלד פֿאַרבײַגיין,
אַ ווינטל רעדט עפּעס סודותדיקס
צו די אָוונטיקע צווײַגן.

האָט ער זיך פֿאַרקוקט אויף אַ וואָלקנדל —
די פּען אין דער האַנט האָט געציטערט.
די צווײַגן אין אָוונטווינט וויגן זיך
און הערן נישט אויף זיך צו וויטען . . .

פּרץ מיראַנסקי

זײַן טרויער איז שיין,
און זײַן שיינקייט — פֿאַרטרויערט.
די ליבשאַפֿט אַליין
האָט זיי בײדע פֿאַרמויערט

בײַ אים אין געזאַנג
אויף זיך האַלדזן און גליִען,
און ווי אַ געשאַנק
פֿון דער בענקשאַפֿט צו בליִען.

דער טרויער איז לינד
אינעם אויג פֿון זײַן שיינקייט —
אַזוי ווי אַ קינד
גיט אַ לאַך אין פֿאַרוויינטקייט.

די שיינקייט איז פֿרום,
און אַן אײַטלקייט מינדסטער —
זי שעפּטשעט און קומט
ווי אַ לאַשטש אין דער פֿינצטער.

די שיינקייט דערהערט
דאָס געוויין פֿונעם טרויער —
און ס׳ווערט זיי באַשערט
אַ געלײַטערטער דויער.

מײַן פֿײגעלע, מײַן פֿידעלע

מײַן פֿײגעלע, מײַן פֿידעלע,
דו װײסט נאָר אײנס — דו טרילערסט.
איך װאָלט געגעבן װײס איך װאָס,
דו זאָלסט אַ ביסל שטילן.

דו ביסט אַרײַן אין קאָפּ צו מיר —
אַ יִיאוּש, אױף צו בלײַבן.
װעסט מיך — װי׳ן יענעם מעשׂהלע —
צו משוגעת טרײַבן.

אַ מאָל, אונטער אַן עפּלבוים,
האָב איך געצײלט די׳ שטערן —
װער זאָל עס װיסן, אַז דערפֿון
װעל איך געשעדיקט װערן —?

דו ביסט אַרײַן אין האַרץ צו מיר —
דורך װעלכן טירן־טויער?
איצט קענסטו נישט אַרויס פֿון דאָרט —
און איך בין צוגעטרויערט.

כ׳װאָלט אײַנגעשפּאַנט די לאַנגע פּיס
און װאָלט צון אַ צדיק געלאָפֿן,
און אים דערצײלט דעם גאַנצן מער,
און װי ס׳האָט מיר געטראָפֿן.

איך גלײב אין קײן קמיעות נישט,
און אין קײן כּישוף־בײנדלעך —
נאָר דער װאָס טרענקט זיך, כאַפּט זיך אָן
אין שטרוי, אין מאָך, אין שטײנדלעך.

איך וואָלט אַפּילו אויפֿגעזוכט
אַן אַלטן גוי, אַ זנאַכער —
צי האָט ער נישט קיין ווערטל,
וואָס זאָל מיר גרינגער מאַכן.

כ׳ווייס ווייל, פֿון ביידע קען מען נישט
קיין סך געהאָלפֿן ווערן —
כ׳וועל מיט מײַן אייגענעם געדאַנק
אַן אונטערשפּאַר באַקלערן.

קען זײַן, כ׳וועל אויף דיר טשאַטעווען
דורך נעכט ביז די פֿרימאָרגנס —
ביז מ׳עט געפֿינען דיך אין גאַס
אַ קאַלטס, אַן אָפּגעוואָרגנס.

דערווײַל נישט שרעק זיך נאָך דערפֿאַר;
איך וואָלט געדאַרפֿט דיך וואַרגן,
נאָר כ׳האָב צו דיר קיין עזות נישט,
און גאָט זאָגט: זאָלסט נישט הרגען.

נאָר וואָס מיט דיר זאָל נישט געשען,
דאָס, וויל איך, זאָלסטן וויסן:
איך וועל אַליין דיך קובֿר זײַן,
אַליין מיט טרערן גיסן.

קיין דריטער וועט נישט זײַן דערבײַ —
מיר ביידע נאָר, מיר ביידע,
און מיר׳ן זיך געזעגענען
שאַ שטיל און אָן הספּדים.

באַלאַדע אָן אַ נאָמען

אַ מאָל איז אַ מענטש אַוועק פֿון דער היים,
צוליב אַ פֿאַרבאָרגענער סיבה —
געהאַט מיט זיך דעם אָטעם בלויז —
ווי עמעצער וואָלט אים געטריבן.

געטריבן, גערופֿן — געווען אים נישט קלאָר;
דאָס חשבונען — אומבאַטײַטיק.
פֿאַראַן, מיט שטערנשטיינער, אַ מיל,
וואָס זי מאָלט און מישט די צײַטן.

פֿון וואַנען ער קומט און וווהין ער גייט —
אויך דאָס געווען נישט קלאָר אים,
נאָר עמעצער פֿירט אים בײַ דער האַנט,
ער פֿילט כּמעט זײַן אָרעם.

און צוויי שטיקלעך פֿאַרמעט פֿאַרמאָגט ער נאָר —
דאָס זענען די דלאָניעס, די ביידע:
די לינקע — באַשריבן מיט אַלטן כּתבֿ,
די רעכטע — געווירעט און ליידיק . . .

נאָך הונדערט יאָר, אַז ער׳ט קומען פֿאַר גאָט,
וועט מען זען, וואָס אַזוינס ס׳איז פֿאַרשריבן
אויף דער דלאָניע, וואָס זי איז ליידיק געווען,
וויפֿל גוטס דאָרט איז אָנגעקליבן.

אויף דער רעכטער דלאָניע צייכענען זיך
דעם מענטשנס אַלערליי מעשׂים —
די שלעכטע ליגן פֿלעק אויף פֿלעק,
די גוטע שפּרייטן זיך ווײַסע.

— — —

און אײדער ער האָט געטון אַ שפּאַן,
האָט ער פּלוצעם זײַן נאָמען פֿאַרגעסן.
נאָר ר׳האָט אָנגעהויבן — דער װעג איז לאַנג —
פֿאַמעלעך צו שפּאַנען פֿון דעסן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך דערטראַכט
צון אַ נײַעם נאָמען לסגולה,
און אים געטראָגן מיט זיך אין אַ זאַק,
אין אַ זאַק, מיט חלומות, אַ פֿולן.

אויף אַ חלום רוט מען אָפּ דעם קאָפּ,
אַזוי װי די פֿיס — אין אַ שאָטן; —
פֿון די זיבן גליקן, װאָס זענען פֿאַראַן —
דאָס אײנע איז קוים אים געראָטן.

געװען איז שפּעטער טאָג, פֿאַר נאַכט,
ער גײט, און ער לאָמעט צו ביסלעך.
. . . אַ ציגעלע, זעט ער, גײט מיט אים מיט
און פּלאָנטערט מיט די פֿיסלעך.

— — —

מ׳איז באַלד אַרויס אין אַ װײַטן פֿעלד,
נאָר דאָס פֿעלד האָט גענומען זיך עקן —
אַ װאַלד האָט זיך, דאַכט זיך, אַרומגעשטעלט,
װי צו היטן זײ און פֿאַרדעקן.

האָט זיך דאָס דינינקע ציגעלע
געלײגט לעבן אים צוקאָפּנס —
און אַ בלײכע לבֿנה האט זײ געשפּײַזט
מיט מילך, מיט װאַרעמע טראָפּנס.

דאָס ציגעלע זאָגט: "איך בין הונגעריק" —
נאָר ער האָט אים נישט וואָס צו געבן.
דער וועג איז ווײַט און עמעץ יאָגט —
ער קען אים נאָר מעשׂהלעך וועבן.

דאָס ציגעלע אָבער ווערט נישט זאַט
פֿון מעשׂהלעך און פֿון לידער —
זיי פֿאַלן ביידע פֿאַר נאַכט אַוועק
אי הונגעריקע, אי מידע.

אַזוי טאָג אײַן, אַזוי טאָג אויס,
און לאַנגע, לאַנגע מעת־לעתן —
דאָס ציגעלע איז הונגעריק,
נאָר אין וועג איז נישטאָ וואָס צו עסן.

איז קען נישט דאָס ציגעלע שטיין אויף די פֿיס,
און די גאַנצע צײַט מוז ער עס טראָגן,
און וועמען פֿון ביידע ס'איז ביטערער —
דאָס קען מען אַוודאי נישט זאָגן.

געוואָלט שוין דאָס ציגעלע לאָזן אין וואַלד,
און אַנטלויפֿן — אַן עק זאָל עס נעמען! —
נאָר ס'איז אַרײַן אין האַרצן צום אים,
און האַלט אים דאָרט אין איין קלעמען.

און ווער איז שולדיק? קיינער נישט.
גוטע־פֿרײַנד האָבן ערלעך געוואָרנט:
דאָס ציגעלע וועט דיר פֿאַרצאַפּן דײַן בלוט
און וועט דיר פֿאַרקירצן די יאָרן.

— — —

אַז ווײ איז יענעם ,וואָס וואָגלט אום
און מיט קימפּעטבריוולעך האַנדלט,
און מעשׂות דערציילט ער — פֿון ציגעלעך,
פֿון ראָזשינקעס און מאַנדלען.

נאָר זײַן מזל אָבער סקריפּעט קוים —
ווײַל, פֿון רישעות, וויל מען נישט קינדלען,
און ער פֿירט אום אַ טײַערע ציג מיט זיך,
נאָר נישטאָ ווו זי צוצובינדן.

ווער קויפֿט הײַנט שיר־המעלותלעך —
די קאָלירן מעגן ווי פֿינקלען —?
מע קויפֿט הײַנט מאַנדל־מאַרמעלאַד,
און קיין ציגנמילך וויל מען נישט טרינקען.
— — —
אין וואַלד איז אַ שאָטן אַרויס פֿון דער טיף,
געוואָלט אים מער ווי שרעקן.
דאָס ציגעלע האָט זיך געטוליעט צון אים,
געציטערט ווי ס׳זאָל זיך עקן.

און עקדישן האָבן געלעקט זײַנע טריט,
מיט שפּיציקע, דינע צונגען.
ער איז, מיטן ציגעל אויף די הענט,
איבער גריבער אַריבערגעשפּרונגען;

און ליידיקע לעכער מיט שטיין און ביין
אין איינעם אַריבערגעהיפּעט —
און קיין אַנדער כּלי־זיין האָט ער נישט געהאַט,
ווי בײַסן דעם פּחד — און כליפּען.

די סטעזשקעס אין וואַלד פֿאַרלירן זיך גיך,
מע פֿילט זיי שוין באַלד זיך נישט שלענגלען,
און סאָוועס און פֿלעדערמײַז מאַכן אים בלינד —
און וועלן אים צו טירוף דערברענגען.

— — —

און איין מאָל צווישן וועלדער צוויי,
נאָך אַ שטילן זומער־רעגן,
אויף אַ ווײַטן פֿעלד באַלד האַלבע נאַכט —
האָט ער עמעצן אָנגעגעגנט —

אַ פֿרויגעשטאַלט, און טראָגט מיט זיך
אַ בינטל ליבעפּל־קוויטן —
און ער האָט אין דער האַלבער פֿינצטערניש
דערשראָקן זיך און דערפֿרייט זיך.

און נאָך האָט זי געהאָט מיט זיך
אַ שטערצל מיט אַ טעפּל,
און פֿרוכטן אין אַ זעקעלע —
מאַראַנצן, מאַנדלען און עפּל.

„ס'איז מיר אומעטיק איינער אַליין אין וואַלד,
און אַ ביטערע בענקשאַפֿט בויערט.
וועסט זען, אַז מיר'ן אין איינעם גיין,
וועט די פֿינצטער ווערן בלויער".

זיי זענען אַרויף אויף אַ זײַטיקן שטעג,
געשטרויכלט און געבלאָנקעט,
און וויפֿל דאָס מזל האָט זיי באַשערט,
האָט מען איינס דעם צווייטן געשאָנקען.

— — —

אין וואַלד ט׳ער געפֿונען אַ פֿייגעלע,
און דאָס פֿייגעלע ט׳אים געפֿונען;
ס׳האָט געפּישטשעט צון אים מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך,
פֿון געציילטע ווערטער געשפּונען.

ביים פֿייגעלע, אַז מ׳האָט זיך צוגעקוקט,
געפֿעלט האָבןביידע פֿליגל.
האָט אַ דונער דאָס פֿייגעלע אָנגערירט
און געניזוקט — אין נעסטל, אין וויגל?

ער האָט עס גענומען צו זיך אין שויס,
געוואָלט עס אין זיך באַהאַלטן — — —
וואָס וואַרט אויף דיר ,אָן די פֿליגל צוויי,
אין אַ קלוגער וועלט,אין אַ קאַלטער?

ווען איך קען מיר אָפּשניידן ביידע הענט —
אַז פֿליגל זאָלן דיר וואַקסן — — —
ווי וועסטו דיך אויסבאַהאַלטן ,זאָג,
אין שטורעמס און אין שלאַקסן?

און זאָל דער באַשאַפֿער,דאָרט ווו ער איז,
דערהערן דיין מענטשלעך וויינען,
און שיקן אַ מלאך נאָך מיינע הענט,
און דיר געבן צוויי פֿליגל שיינע.

וואָס וואָלט עס דעם, וואָס אייביק לעבט,
געדאַרפֿט אַזוי פֿיל אַרן?
ער וואָלט אונדז ביידן איינגעשפּאָרט
אַ לעבן פֿול מיט צערן.

נאָר אָט דער גרויסער גאָט מסתּם,
האָט נישט מיך, נישט דיך, אין זינען,
ווען איך קען מיר אַרויסשנײַדן פּשוט דאָס האַרץ —
אַ שאָטן טרייסט צו געפֿינען.

— — —

„מיר דאַכט זיך,סע וואָלט גענוג געווען
אַ ווונק פֿון דײַן מינדסטן פֿינגער —
ס׳זאָלן וואַקסן דעם פֿייגעלע פֿליגעלעך,
און ס׳זאָל אָנהייבן זינגען און שפּרינגען.

צי קענסטו נישט, צי ווילסטו נישט —
וואָס קומט מיר אַרויס פֿונעם פֿרעגן?
און כ׳וואָלט נאָך גערעדט צו דיר האַרבערע רייד,
ווען אַ זינדיקער מענטש זאָל עס מעגן.

כ׳וואָלט אפֿשר אַזוי גערעדט צו דיר,
אַז מע וואָלט מיר די צונג אויסגעריסן.
כ׳וואָלט אפֿשר אַזוינע ווערטער געניצט,
אַז מע זאָל גאָר אַזוינס שוין נישט וויסן.

מע זעט דיך, ווי דו זאָלסט זײַן אַ מענטש —
קען אַנדערש אַ מענטש דיך זען דען?
נאָר איך אָבער רעד צו דיר ווי צון אַ גאָט:
כ׳בין אַ וואָרעם — צו ווענדן זיך ווענדן?

דעם מענטשנס רישעותדיקע זיס —
אוי,גאָט, ווער וויל זי קענען?
די טרייסט, די הילף, שיק דו מיר צו —
ווען דאָס פּנים מיר אויפֿהערן ברענען.

אַ פֿייגעלע אָן פֿליגעלעך —
קען זײַן דען אַ בידע נאָך גרעסער ?
כ׳וועל שוין האָבן אויף ד׳אויגן טשערעפּלעך,
וועט דער ווייטיק נאָך זײַן ווי אַ מעסער.״

— — —

אין וואַלד איז געשטאַנען באַזונדער אַ בוים,
מיט כּלערליי גוטס אויף די צווײַגן —
פֿון עפּל און טייטלען, מאַראַנצן און ניס,
פֿון מילגרוימען און פֿײַגן.

און איטלעכע פּרי זעט אויס ווי אַן אות
פֿון די צוויי און צוואַנציק אותיות —
ער איז דער שענסטער בוים אין וואַלד,
נאָר ער האַלט זיך נישט אין גרויסן.

האָט ער אונטערן בוים געשטעלט זײַן געצעלט :
„פֿאַראַן דאָ פּרוכטן צו קויפֿן״ —
און יידישע קינדער ,אַ פּרוטה׳ן דער האַנט,
פֿאַרשמאַכטע קומען צו לויפֿן.

דעם בוים, חלילה, נישט אָפּגעקויפֿט,
און אים נישט געדונגען אַפֿילו.
אין קינדערשע מײַלער דער אַלף־בית
האָט געשעפּטשעט אַזוי ווי אַ תּפֿילה :

געקלונגען אַזוי ווי אַ שיינער דאַנק
פֿאַר די גוטע געשמאַקע טעמען —
און ווידער מע קומט, און ווידער מע לויפֿט
נאָך אַ פּרוטה אַהיים צו דער מאַמען.

אַזוי האָט ער יידישע אותיות פֿאַרקויפֿט
אַ צוויי דרײַ צענדליק יאָרן —
ביז ס׳איז אונטערגעקומען אַ נײַער ווינט,
און פֿאַרוואָלקנט דעם הימל דעם קלאָרן.

האָט ער אײַנגעזאַמלט די קינדער אין וואַלד,
און זיי אָנגעזאָגט: שפּייזט זיך אַליין איצט —
איך האָב שוין די כּוחות נישט איצט ווי אַ מאָל,
און אַ מידקייט איך פֿיל אין די ביינער.

דער וואַלד איז גרויס, איך זאָג נישט אַז ניין,
נאָר דער בוים מיט די אותיות איז איינער —
חלילה־וחס, איר בײַט אים אויס,
וועט ער אײַך נישט מוחל זיין קיין מאָל.

און טאָמער חלילה ,פֿינצטערע טעג
וועלן וועלן אײַך סמען די בלוטן —
געדענקט זשע וואָס איך זאָג אײַך אָן,
ט׳איר דערמאָנען מײַן נאָמען צו גוטן.

— — —

אין וואַלד זענען ביידע געגאַן און געגאַן —
ווער ווייסט וויפֿל לאַנגע מעת־לעתן,
מ׳האָט זיך אײַנגעמידט, איז געווען אַ שטיין,
און מ׳איז דרימלענדיק צוגעזעסן.

פֿאַראַן אַ שטיין וואָס מע דרימלט דערויף,
און אַ שטיין וואָס אַ גרענעץ ווײַזט ער;
אויף אַזאַ מין שטיין, אַז מע זעצט זיך צו,
גייט דאָס לעבן אַדורך ווי אַ מעשׂה.

און מע זעט אין געדאַכט ווי סע שוועבן פֿאַרביַי
די פֿאַרלאַנגען וואָס מ׳האָט געכאָוועט
אַ לעבן לאַנג — נאָר פֿון ערגעץ אַ צוויַיג
לאָזט זיך צעטנוויַיז הערן אַ סאָווע.

די בענקשאַפֿטן שוועבן ווי וואָלקנס פֿאַרביַי,
פֿאַר נאַכט, ווען ס׳באַגילדט זיי די שקיעה;
דיַין פֿאַרגאַנגענע וועלט ליגט אָפֿן פֿאַר דיר,
אַזוי ווי דיך צוצוציִען.

די בענקשאַפֿטן ציליען זיך איינס נאָך איינס
אויף דינע, דינע סטרונעס
און וואָס דו האָסט ביטער פֿאַרלוירן אַ מאָל,
האָט, דאַכט זיך, זיך אָפּגעפֿונען.

— — —

ער איז צוגעקומען פֿאַר טאָג צון אַ הויז,
ווּ אַלע פֿענצטער און טירן
האָט עמעץ פֿאַרמויערט מיט שטיין און ביין,
נאָר אַרום־אַרום סטעזשקעס פֿירן.

און איינע אַ סטעזשקע פֿירט אין הויף
צון אַ קעלער, וואָס שטייט האַלב אָפֿן —
און קוקט מען אַריַין, איז דאַכט זיך באַלד,
אַז ס׳האָט זיך געלוינט צו האָפֿן.

אין מיטן קעלער שטייען צוויי,
צוויי ליכטיקע געשטאַלטן,
און מיט אַ שיינער ליכטיקייט
פֿאַרוועבט, ארומגעהאַלטן.

אַ ווינטל האָט זיך מיט אַ צווײַג געשפּילט,
ווי עמעץ זאָל דאַרטן זיך וויטען.
אַ ווײַטע שטוב, וואָס איז לאַנג שוין נישטאָ,
איז דאָ, און גאָרנישט געביטן.

— — —

פֿאַר טאָג האָט געוויכערט אַ פּאָר מינוט,
און — ווי עמעצער זאָל אים פֿירן,
איז ער אָנגעקומען ווײַט אין אַ שטאָט
מיט אָפֿענע לאָדנס און טירן.

און פֿון אַלע שטיבער לויפֿט מען אַרויס:
„ר'איז געקומען — וואָ'דען, ער'ט אַנטלויפֿן?
ר'איז דאָך אַלע יאָרן געקומען אַהער,
אויף שבת אײַנצוקויפֿן...“

זיי רעדן נישט, נאָר זיי שושקען זיך;
זיי שושקען זיך נישט, נאָר זיי שטומען.
אים דאַכט זיך, אַז ער הערט די רייד,
וואָס ליגן בײַ זיי אויף די גומענס.

זיי טראָגן פֿאַרדאַכטיק די הענט הינטער זיך,
זיי ווילן אויך די אויגן באַהאַלטן —
מע זעט מער קיין שוואַרצאַפּלען נישט,
נאָר ווײַסלען אין קרומע שפּאַלטן.

פֿון וועלכע ווײַטן קומען זיי,
אָט די אַלע שטילע שאָטנס?
זיי פּלאָנטען זיך איינס אין צווייטן אַרײַן,
און באָמבלען זיך ווי אויף דראָטן.

סע ווערט אַ געדודער, אַן אַנגעלאָף —
צי קען ער דאָ טאַקע נישט קיינעם ? —
און איינער שטופּט אים עפּעס אַ בריוו
אין פּנים ,אויף איבערצולייענען.

מע רעדט, מע מורמלט, מע אַמפּערט זיך —
נאָר ער הערט נישט קיין קלאַנג, קיין מינדסטן.
איז ער דאָ טויב צי זיי זענען שטום ?
ס'איז אין דער ליכטיק פֿינצטער.

מע מאָנט מיט הענט און פּנימער,
אַז ער זאָל אויסזאָגן סודות . . .
. . . דאָ מוז ערגעץ זײַן — ווו באַהאַלט מען זיך, ווו ? —
אַ חורבֿה מיט אַ בוידעם.

דער בוידעם, געדענקט ער, איז אָנגעפּילט
מיט שמות כּל־המינים.
ווי לאַנג, אַז ער איז שוין דאָרט נישט געווען ? . . .
ער זאָל אים נאָר קענען געפֿינען.

צי מעג ער איצט קומען צום בוידעם נאָך הילף ?
צי האָט ער זיך דען געלײַטערט ?
פֿונעם אוצר, וואָס ליגט פֿאַרגניזהט דאָרט —
אוי־וויי, ווי' ער האָט זיך דערווײַטערט ! . . .

נאָר ס'טרעפֿט ,מע זינקט אַ לעבן לאַנג
אין פֿינצטערע פּעכן, וואָס בריִען,
און פּלוצעם, מע שטייט מיט די הענט צו דער הייך,
דערפֿילט מען, אַז מ'איז אַ בעל־זכיה.

— — —

מ׳האָט זיך געקליבן ראָד נאָך ראָד,
מ׳איז שוין דאָ פֿון אַלע ווינקלען —
איז אַ ליכטיקער נעפּל אַראָפּ פֿון ווו,
און די גאַס אַרומגערינגלט

ער האָט געזען, אַז דאָס איז די שטאָט,
וווּ מע זאָגט, ער איז דאָרטן געבוירן,
וווּ אַן אַלטיטשקע, מיט גילדענע הענט,
האָט זײַן נאָפּלשנור איבערגעשוירן.

„ער האָט אַ בריוו?״ — „ער האָט אַ בריוו.״
„פון וועמען און צו וועמען?״
„זײַן אייגענעם נאָמען געדענקט ער נישט,
ט׳ער געדענקען אַנדערע נעמען?״

פּאַמעלעך שטילט דער גערודער זיך אײַן,
מע רעדט, נאָר אײַנגעהאַלטן.
ער זוכט מיט די אויגן דאָ עמעצן
צווישן אַלע שאָטן־געשטאַלטן.

דערזעט ער נישט ווײַט אַן אַלטיטשקע —
אָט זי וועט אים קענען דערלאָבן.
„וווּ איז די מאַמע?״ — „קום מיט מיר —
זי׳ז אַוועק צו איר מאַמען דיך האָבן.״

אין צווייטן חדר שטייט אַ בעט,
ס׳האָט אים אַהער געצויגן,
אָט דאָ האָט ער נישט לאַנג צוריק,
געעפֿנט אַ מאָל די אויגן . . .

האָט ער דערין זיך צוגעלייגט
נאָך רו פֿאַר פֿאַרמאַטערטע גלידער —
אין פֿענצטערל האָט קוים געבלויט,
ס׳האָט גענומען פֿריִען ווידער.

אין פֿענצטערל, וווּ ס׳האָט קוים געבלויט,
האָט געשפּרייט זיך אַ ווײַטער בויגן —
אויף אים איז אַ פֿויגל געפֿלויגן מיד
און ער איז קוים דערפֿלויגן.

און דאָס ציגעלע, זעט ער, הינקט אַוועק
אַן אָפּגענאַרטס, אַ פֿאַרביטערטס.
דו, טײַער ציגעלע — פֿערדל מײַנס,
האָסט דאָך בלויז צוליב מיר געליטן . . .

גיי ווייס, צוליב וואָס ס׳האָט אַזוי זיך געפֿירט,
צוליב וועלכער פֿאַרבאָרגענער סיבה.
נו, מילאָ — אַבי כ׳האָב קיין שלעכטס נישט געטון,
און ס׳איז אַלץ, דאַנקען גאָט, שוין אַריבער . . .

מיר חלומט זיך

מיר חלומט זיך: „מלאכים גייען אויף אַ לייטער,
און אין דער מיט גייט גאָט, אַליין, אַן אײַנגעדרייטער,
מיר רײַסט זיך אָפּ דאָס האַרץ: אוי־ווײ, ווי ר׳איז צעבראָכן!
כ׳גיי צו און האַלדז אים: גאָט, פֿאַרליר נישט דעם בטחון,

אַ מאָרגנער געדאַנק

אַ מאָל קומט מיר אונטער אַ מאָרגנער געדאַנק,
צו צעברעכן די פּען מיטן טינטער,
און צו נעמען זיך בעסער צו סײַ וואָס ס׳איז —
וועט עס אַלץ נאָך זײַן געזינטער.

און נעמען מײַנע ביכלעך צען
און פון זיי זיך אָפּצוזאָגן. —
די האַנט אויפן האַרץ: וואָס האָב איך פון זיי,
חוץ קלעמעניש און פּלאָגן — ?

און אַרײַנצושטעלן אַ גרויסן אַנאָנס
אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע:
אַזוי און אַזוי, פון הײַנט מאָל אָן
בין איך נישטאָ, און פאַרגעסט מיך.

איך בין נישטאָ און להד״ם —
כ׳על מיך מער מיט קיינעם נישט שפּאַרן.
און אויב ס׳עט מיך עמעץ געדענקען נאָך פאַרט,
וועט עס מיך שוין קיין סך נישט אַרן.

וועט מען קומען צו מיר פון אַ האַלבער וועלט:
„קען אמת זײַן וואָס מיר לייענען ? !"
וועל איך זאָגן: „כ׳בין גאָרנישט דער, וואָס איר מיינט",
און כ׳על לייקענען שטיינער און ביינער.

וועט מען קומען פון נאָך אַ האַלבער וועלט,
מ׳עט חלשן און וויינען:
„געוואַלד, זאָל עס טאַקע אמת זײַן ?!"
וועל איך זאָגן: „נישט מיך מוזט איר מיינען ..."

ווען מען קומען, איך ווייס שוין נישט פֿון וואַן,
און אַנווענדן בלערליי מיטלען — —
וועל איך זאָגן: „איך בעט איך, טשעפּעט זיך אָפּ
און דרייט מיר נישט קיין היטל.“

און אַז מ׳עט אַלע אַוועק צוריק,
און אַליין מיט זיך וועל איך בלײַבן —
וועל איך אויסזוכן ערגעץ אַ שטיקל פּאַפּיר,
דאָס דאַזיקע ליד צו שרײַבן.

אַ ליד וועגן וואַלקנלעמעלעך

גוט איז אין פֿאַרקלעמטע טעג
בלאַנדזשען אין די בלאָען —
נאָכגיין וואַלקנלעמעלעך,
היטן זיי די טלאָען.

בלאָע לאָנקעס, לעמעלעך —
וואָס קען שענער זײַן נאָך?
אויף אַ רגע וועפּט די שרעק,
וואָס זי שטיקט און פּײַניקט.

לעמעלעך — אַ טשערעדע,
און אַ ברעג — די לאָנקע.
זיי איז גוט צו פּאַשען זיך,
מיר — זיי נאָכצובלאָנקען.

נעמט מיך, לעמעלעך, צו זיך —
נעמט מיך וואָס אַלץ העכער; —
ווו זאָל איך מיך ראַטעווען —
טיף אין היילנלעכער?

אַז ווו נאָר מע קערט זיך, ליגט
חושך ואפֿלה — — —
(זינדיק איך מיט מײַנע רייד ?
זינדיק איך ,נו מילא.

מ׳עט מיך סײַ ווי קאַטעוועז,
אַז די שעה וועט קומען,
פֿאַר די בייזע מײַנע רייד,
פֿאַר דער גאַל אין גומען.)

נישט געציילט די לעמעלעך —
ציילן וואָס קען טויגן ?
ביז — אַ מאָדנע ווילדע זאַך
האָט דערזען דאָס אויג מײַנס ;

וואָס איך קוק מיך לענגער צו —
ווינציקער נעמט ווערן
פֿון די וואָלקנלעמעלעך,
און מײַן אומעט — שווערער.

אויף אַזעלכע טיפֿע בערג,
אין אַזעלכע הייכן —
ווי קען דאָרט אַזוינס געשען ?
ווער אַהין קען גרייכן ?

דאָרטן בושעווען, מוז זײַן,
אומגעהערטע ווינטן ;
ווײַט אַזוי פֿון אונדזער ערד —
נאָר אויך דאָרט דאָ זינדערס ?

אַז נישטאָ אַפילו דאָרט
ערלעכקייט געקרױנטע —
װי זשע קען עס זײַן געמאָלט
דאָ, װוּ מענטשן װױנען?

אױכעט דאָרט די פּאַסטעכער
ליגנערן און נאַרן?
טויב און בלינד באַדאַרף איך זײַן,
אַז ס'זאָל מיך ניט אַרן.

און אַז ס'זענען דאָרטן דאָ
לקחערס בײַ די זוימען —
װי זשע לאָזט מען לעמעלעך
הפקר, אָן אַ שומר?

װאָס האָט מען נישט מ י ר געזאָגט,
איך זאָל האַלטן שמירה
איבער לעמעלעך דאָרט העט,
און זיך ערלעך פירן — ?

װי צו היטן לעמעלעך,
דאָס באַדאַרף מען װיסן —
זאָל דער הימל נאָר אַראָפּ
מער צו מיר אַ ביסל . . .

און דער הימל, דאַכט זיך, הערט,
און ער נעמט זיך רירן
ביסלעכװײַז און טפּחימװײַז
נענטער אַלץ צו מיר, און —

כ׳האָב דערפֿילט אַ וואַרעמקייט
ריזלען אין די ריפּן,
און אַ פֿאַסטעך־פֿײַפֿעלע
וואַקסן אין די ליפּן.

און איך שטיי שוין און איך פֿײַף,
אײדער גאָר איך וויס נאָך —
כאָטש ס׳האָט קיינער נישט געמאָנט,
קיינער נישט געהייסן.

ווי אַ דולער פֿײַפֿל איך —
און איך וויל אַזש וויינען:
מײַנע וואָלקנלעמעלעך
טשעפּעט מיר נישט קיינער.

ס׳איז נישט גרינג, נישט ווי מע מיינט —
היטן שאָף, נישט דרימלען;
הײַנט די שרעק: אָן וואָלקנדלעך
בלײַבט אַ פּוסטער הימל . . .

איך האָב, דאַכט זיך, גוט געהיט
און געפֿײַפֿלט לײַטיש —
ווער זשע האָט די לעמעלעך
אָפּגעקלאַפּט די זײַטן ?

כ׳האָב מסתּם געפֿאַלשעוועט —
פֿאַסטעך איך, האַלב בלינדער —
בלאָנקען איצט די וואָלקנדלעך
ווי די בלינדע רינדער.

איך האָב גאָרנישט נישט געזען —
נאָר מ׳איז אָנגעפלויגן
און צעפליקט די וואָלקנדלעך
הינטער מײַנע אויגן.

ווער? פֿון וואַנען? און פֿאַר וואָס?
כ׳האָב נישט ווען פֿרעגן.
נישט געזען די לקחענערס,
נישט די קרומע וועגן.

און אַז גוט זיך אײַנגעקוקט,
האָב איך ערשט באַנומען
סאַראַ ביטער טרעפֿעניש
ס׳איז אויף מיר געקומען.

איצטער גיי איך אויס פֿון אַנגסט —
מיך באַוואַשן טרערן:
ווי, צו וואָס האָב איך געדאַרפֿט
פֿון אַ פּאַסטעך קלערן?

אַלע מײַנע לעמעלעך
האָט מען מיר צעלאַטכנט —
און מע טײַטלט איצט אויף מיר:
דער צעדולטער בדחן.

קומט דער אָוונט, קומט די נאַכט —
קלאָג איך צו די שטערן:
ווײַ מיר, וואָס האָב איך געדאַרפֿט
פֿון אַ פּאַסטעך קלערן...

האָמאָ סאַפּיענס 1977

ער האָט געהערט אַן אייבערשט קול —
ס'האָט צון אים דורך אַ הונט גערעדט:
„גיי הרגע, — גיי רציחהווע —
ס'אַ מיצווה, נישט קיין חטא.

דער עיקר: נישטער — און ווו דו געפינסט
צוויי יונגע אירע — אַ פּאָר,
וואס האָבן זיך ליב און האַלדזן זיך —
מאַך אַ סוף צו זייערע יאָר.

דער עיקר: אין מיטן דער ליבעניש,
ווען זיי האַלטן די אויגן פאַרמאַכט,
אין מיטן געשושקע — ליפּ אויף ליפּ —
גיי צו צוויי טריט און מאַך נאַכט.

און מעלד, פון דײַן באַהעלטעניש,
דער אויפגעקאַכטער וועלט,
אַז דו טייטסט ווײַל סע הייסט דיר אַן אייבערשט קול,
און נישט ווײַל דו יאָגסט דיך נאָך געלט.

דו טייטסט, ווײַל סע הייסט דיר אַן איבערשט קול,
וואָס רעדט דורך אַ הונט צו דיר קלאָר:
גיי נישטער, און ווו דו געפֿינסט — לעש אויס
געהאַלדזטע ,וואָס זענען אַ פּאָר.

און צילעווע גלייך אין קאָפּ אַרײַן —
אין שלייף, צי אַפֿילו אין אויג,
אַזוי אַז דער טויט זאָל זיכער זײַן,
און מע זאָל נישט הערן קיין „אוי״.

סע זאָל נישט ווערן קיין אָנגעלאָף
און קיין שום יללה נישט —
מע זאָל גאָרנישט הערן און גאָרנישט זען
אין צעוויכערטן מענטשגעמיש.

ווער וויל הײַנט הערן קלאָגגעשריי?
ווער האָט הײַנט צײַט פֿאַר געוויין?
און אין יאָגעניש קען נאָך ווער ווייסט וואָס געשען,
אויב מע בלײַבט אין מיטן שטיין.

גיי לעש די ליבשאַפֿט דאָרט, ווו זי בליט —
צווישן צוויי, וואָס האַלדזן זיך
אין אַ ווינקל גאַס, אַז מע זאָל זיי נישט זען,
אין אַ מידן אָוונטליכט.״

אַ קול האָט צון אים דורך אַ הונט גערעדט:
„דו ביסט מײַן נבֿיא — גיי!
גיי צילעווע און טרעף און לעש —
ווו דו זעסט געהאַלדזטע צוויי.״

דרײַ געהאָנגענע ייִדן

כ׳האָב געזען אַ בילד,
אַ שטילס —
נאָר ס׳האָט געשריגן:
דער דײַטש האָט עס נישט באַוויזן צו פֿאַרברענען,
נאָך אַלע זײַנע זיגן:
געהאָנגענע דרײַ מענער.

ס׳איז מסתּמא ערגעץ אויף פּוילישער ערד —
מע זעט, אַז מ׳האָט בײַ זיי אָפּגעצופּט
די פּאות מיט די בערד.

אַרום און אַרום שטייען — ווער זאָל שטיין?
נו, טאָקע — ווער?
עטלעכע דײַטשע סאָלדאָטן —
איטלעכער מיטן באַגנעט אויף זײַן געווער.
און דאָס גאַנצע דאָרף, גרויס און קליין.

די סאָלדאָטן שטייען מיט געהויבענע קעפּ,
ס׳איז ווינטער, דער שניי ליגט צעטראָמפּלט —
שטיקער פֿאַרבלאָטיקטע וואַטע.
ס׳איז מסתּמא אַ פֿראָסט —
ווו אַ מלבוש האָט מען אויף זיך אַרויפֿגעשלעפּט,
ווו אַ שמאַטע,
און מ׳איז געקומען זען דעם ספּעקטאַקל.
די שקיעה האָט זיך געלאָשן ווי אַ צאַנקענדיקער פֿאַקל.

דערנאָך איז מען אַוועק,
און מ׳האָט די געהאָנגענע געלאָזט
אויף די תּליות
אויף איבער נאַכט.
מ׳האָט געשמייכלט דערשראָקן און קרום, מ׳האָט נישט געלאַכט.
(בײַ עטלעכע אַלטיטשקע האָבן זיך געבראָכן די קניִעס.)

. . . דער אָונטווינט
האָט אַ וויג געטון מיט די געהאָנגענע,
ווי אין אַ צעבראָכענער וויג —
אין דער קרים, אַהין און צוריק,
אין דער קרים, אַהין און צוריק —
דערנאָך האָט ער זיי גענומען רײַסן פֿון די שטריק —
אַז זיי זאָלן צו די רוצחים אַוועק,
קומען צו זיי אויף די תּליות צו רײַטן
און זיך שטום זעצן בײַ זייערע טישן,
בשעת די מאָלצײַטן,
און מאַכן די תּנועות פֿון עסן
און אויף זיי אָניאָגן אַ פֿאַרגליווערנדיקע שרעק,
און מיט פֿינגערביינער אויסמישן
זייערע שיסלען קרויט,
און האַלטן אין איין גלאָצן אויף זיי
און זיך אין זיי אַרײַנזויגן
מיט זייערע דערוואָרגענע אויגן.
און איידער זיי וועלן אַוועקגיין
זאָלן זיי עפּעס כאָרכלען צו זיי
פֿון די אײַנגעשניטענע העלדזער אַרויס —
און מ׳עט זיי נישט פֿאַרשטיין —
אַ כאָרכלעניש בלויז,
אַ כאָרכל און אַ קריי,
אַ כאָרכל און אַ קריי —
אַזוי נאַכט ביי נאַכט,
ביז זיי ווערן צו פֿאַראַנאָיע דערבראַכט.

אין דרויסן בושעוועט אַ שניי.
דער ווינט האָט צעשלײַדערט די צעבראָכענע וויג —
ער רײַסט די געהאָנגענע פֿון די שטריק.

אין אַ נעפּלדיקן פֿאַרנאַכט אין דאָרף

לײַלעכער זענען געהאַנגען
אין אַ נעפּלדיקן פֿאַרנאַכט.
האָט אַ ווינט אָנגעהויבן הוזשען,
און ס'איז געוואָרן אַ זאַווערוכע..

איז פֿון ערגעץ אָנגעפֿלויגן אַ שדעכע,
זיך אײַנגעוויקלט אין אײנעם פֿון די לײַלעכער,
און עס גענומען רײַסן,
מיט אַ יוכע.

וואָס מער זי האָט געריסן,
אַלץ מער האָט זיך דאָס לײַלעך נישט געלאָזט.
„כ'דאַרף דיך האָבן,
מײַן קינדס וויגעלע צו פֿאַרשפּרייטן."

האָט איר דאָס לײַלעך דערלאַנגט אַ פּראָסק אין פּרעסער,
אַז דער קנאַק האָט אַזש אָפּגעהילכט :
„פֿון אַל די פֿינצטערע בערג דײַנע קומסטו אַהער —
צום גרייטן ?"

באַלד האָט אָנגעשמעקט אַ צווייטע שדעכע,
און אַ דריטע —
און מ'האָט גענומען אײנע בײַ דער אַנדערער
פֿון די הענט צו רײַסן.

„מכשפֿהטע, מ׳האָט נאָך דיר געשיקט ?"
„וויסטע קלעמפּע,
כ׳על דיך באַלד אָנכאַפּן בײַ דער נאָזדרע,
און זי דיר אָפּבײַסן."

האָבן די לײַלעכער צעשפּרייט די פֿליגל,
און זיך געגעבן אַ לאָז אַוועק —
האָט זיי דער שטריק אַלץ צוריקגעשלעפּט:
מ׳האָט אײַך געהייסן הענגען.

האָבן זיי געוואָלט אַוועקשווימען,
ווי די זעגלען —
זענען קיין שיפֿן נישט געווען,
נאָר אין דער ערד אַרײַנגעקלאַפּטע עטלעכע דרענגלעך.

די שדעכעס האָבן זיך הילכיק געפּאַטשט,
און אַרײַנגעפּלאָנטערט די לײַלעכער אין געשלעג.
„דו׳סט מיך פּאַטשן? איך בין דאָך צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי דו —
סמאַרקאַטע אַרורה, ווו איז דרך־ארץ?"

האָט איר די יונגע דערלאַנגט צוויי פֿליק
מיט איין מאָל:
„דו אַלטע סטערווע,
האָסט נישט געדאַרפֿט דערלעבן אַלט צו ווערן."

דאָס געוווי פֿונעם ווינט איז ביסלעכווײַז ערגעץ אַוועק,
די לײַלעכער זענען געבליבן הענגען פֿאַרחלשטע,
מיט ריסן אין די לײַבער, האַלב טויטע.
ס׳איז געוואָרן שטילער און שטילער.

דער הונט איז געלעגן אין דער בודע,
זיך געשראָקן אַרויסצוגיין.
ווי אָפּגערעדטערהייט,
האָט ער מיט נאָך עטלעכע דאַרפֿישע הינט אָנגעהויבן בילן.

די לײַלעכער,
אין חלשות,
האָבן זיך אַ וואָרף געטון,
געגעבן אַ ציטער.

און נידעריק,
אין אַ נאַסן נעפּל
זענען געלעגן אַשמדאַיס טעכטער
און געבורטשעט ביטער

אַ טיר און אַ ווינט

כ'האָב געזען אַ נישט־פֿאַרמאַכטע טיר,
וואָס דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט איר:

אָט לאָזט זי עמעצן אַרײַן:
„אַן אָנגעלייגטער גאַסט וועסטו זײַן."

אָט לאָזט זי עמעצן בייז אַרויס:
„פֿאַרנעם דיך! גיי! די וועלט איז גרויס."

קאָשמאַר

די גאַסן שווימען אום ווי פֿאַרקאָוועטע כוואַליעס,
די טראָטעוואַרן עפֿענען זיך פֿאַוואָליע.
איך קריך אַרונטער אונטער דער ערד, ווי אַ קראָט.
איך קוק מיך אום נאָך יעדן טראָט.

אין אונטערערד דערזע איך באַלד אַ פֿעסטונג —
מע קען זי מיטן אויג גאָרנישט דערמעסטן —
און האַלבע לופּעס שפּאַרן פֿון די ווענט,
און קאָמפּאַסן, ווו עפּעס בלענדט.

אויף אַלע פֿענצטער הענגען לאָדנס שווערע.
און דורך אַ טיר, האַלב אָפֿן, קען מען הערן
ווי קייטן הייבן עפּעס אַ געוויכט —
סע שטעכט אַרויס אַ פּיקע ליכט.

דער פּחד רײַסט זיך נישט בײַ דער טשופּרינע,
ער גליווערט נאָר און גייט אַראָפּ פֿון זינען,
פֿון ווײַטנס ווײַזט זיך ריזעדיק אַ האַנט —
די איינציקע אין אונטערלאַנד.

די קאָרידאָרן ציִען זיך ווי טונעלן;
ביז ס'ווײַזט אַ נעאָנפֿײַל ווו זיך צו שטעלן.
און דאָ שווימט אָן אַ שווערע שעכטהויז־בריק
אויף בלוטנדיקע קייטנשטריק.

און מענטשנשטראָמען שווימען, ניט זיי גייען —
מע שטעלט זיך פֿאַר דער שעכטהויז־בריק אין רייען —
און די אַראָפּגעהאַקטע בלינדע קעפּ
צעברעכן זיך אויף דר'ערד ווי טעפּ.

שבתי פערל

דער שׂר פֿון ליד האָט ליב געהאַט דײַן שטילן גאַנג —
ביסט נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט ער דיך דערקענט שוין,
דו האָסט געשפּראַצט מיט שטילן ליד אַ לעבן לאַנג —
פֿאַר וואָס זשע האָסטו קיין מאָל נישט קיין ליד פֿאַרענדיקט ?

האָסט דיך געהאַלטן שפּלדיקער פֿונעם שטויב.
דער שטויב איז שטיל, האָסטו געוואָלט זײַן שטיל דערגרייכן.
אַ שורה ליד איז שוין גענוג — ס׳איז סײַ ווי דרויב,
אַכיבע אין דער שורה ליגט אַ טיפֿער צייכן.

אַ שורה ליד איז שוין גענוג, אַ האַלבע אויך —
און ווײַטער דאַרף מען שוין באַהאַלטן, נישט דערזאָגן —
דו האָסט עס גרינג אַוועקגעלאָזט ווי מיטן רויך . . .
פֿון וואָסער פּײַן ביסטו געווען אַזוי דערשלאָגן ?

אַ האַלבע שורה איז גענוג, אַ וואָרט, אַן אות —
האָט דען שוין ווען אַ דיכטער זײַנס אַ ליד פֿאַרענדיקט ?
דער גורל האָט אַרײַנגעגאָסן אין דײַן כּוס
פֿון אַלע ביטערנישן — און דאָס האַרץ פֿאַרברענט דיר.

ביסטו אַרומגעגאַנגען מיט אַ וווּנדיק האַרץ,
וואָס ס׳האָט נאָר אפֿשר גאָט אַליין געקענט דיר היילן;
דערצו האָט נאָך אַ שיינע גלייבונג דיך גענאַרט —
און האָסט עס נישט געקענט אויף טעלערלעך דערציילן.

מ׳האָט קיין מאָל נישט געהערט פֿון דיר קיין ביטער וואָרט,
כאָטש ס׳האָט דער גורל דיר געטיילט נאָר ביטערנישן.
דאָס ליד איז אויך נישט קיין געדאַכט מנוחה-אָרט,
און ווי דײַן לעבן איז דײַן ליד געווען צעריסן.

האָסט נישט געוווּסט בײַם לעבן, וואָס אַזוינס ס׳איז רו
און שווײַגנדיק אין דײַן געפֿאַלנקייט געליטן,
די שיינע שפּראַך איז אָנשטעל, אַז מע הערט זיך צו,
די ערלעכקייט אַליין קוקט אויך אויף דיר מיט ביטול.

אַוועלכער כּוח האָט עס דיך געצויגן אויף צוריק,
און נישט געלאָזט דיך שפּאַנען גלײַך מיט פֿײַנע לײַטן ?
קיין שפּײַ אַפֿילו איז נישט ווערט דאָס גאַנצע גליק,
וואָס מענטשן קײַלן זיך דערפֿאַר זינט אַלע צײַטן.

האָסט מיטגענומען דײַנע טויזנט שטיקלעך ליד —
דאָס נישט דערשריבענע איז דאָרט געווען דער עיקר.
דו ביסט אַוועקגעפֿאַלן אויסגעמאַטערט מיד —
פֿון גורלס כּוס מיט ביטערנישן אָנגעשיכּורט.

צום רמח״ל

וואָס ציט עס מיך אַזוי צו דיר ?
קיין מיצוות-מעשׂיות היט איך נישט —
נאָר כ׳פֿיל מיך ריין אַקעגן גאָט.
איך פֿיל, אַז ער איז פֿול גענאָד.

סע מעגן אַנדערע אים זען
אַן אָנגעגורטן מיט אַ שווערד,
וואָס נאָר ער טוט און קוקט אַראָפּ
און זוכט נאָר זינד, און זוכט נאָר זינד.

בײַם כעסן איז ער פֿול מיט כעס,
אַ שטראָפֿער — בײַם דערשראָקענעם,
און האַרציק — בײַ די האַרציקע.

***

אַז ווײ איז אונדז, אַז עמעצער,
— געדענקט נאָך ווער זײַן נאָמען הײַנט ? —
האָט דײַנע כתבֿים צוגעכאַפּט
און זיי אַ וואָרף געטאָן אין פֿלאַם,
און זיך די פֿינגער אָפּגעווישט.

דאָס האָט ער דיך אַ וואָרף געטאָן, —
ר׳האָט אין זײַן בלינדקייט נישט געזען,
אַז דו אַליין ביסט דאָך אַ פֿלאַם.
ווי קען מען דן־לשׂריפֿה זײַן
די ריינע ליכטיקייט אַליין ?

דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן :
„נו, דאַנקען גאָט” — און איז אַוועק
אַהיים, צו ווײַב און קינד, מסתּם,
און אפֿשר גאָר צום דאַווענען.

ווער בין איך, כ׳זאָל אים חושד זײַן
אין רישעות, און אים מישפּטן ?
וואָס קומט דעם אָנגעשראָקענעם,
וואָס ווערט מטורף אין דער שרעק
פֿאַר דײַן געלײַטערטער געשטאַלט ?

כ׳וואָלט וועלן שעלטן אַלע די
וואָס האָבן דיר געברענט די טריט
און האָבן דיך אַרײַנגעיאָגט,
מיט ווײַב און קינד און כּתבֿי־יד,
צו דער מגיפֿה גלײַך אין מויל.

נאָר דו האָסט זיי געשאָלטן דען,
קדוש־עליון דו פֿון פּאַדואַ?
מיט גוטער פֿרומקייט ביסטו פֿול,
און נישט מיט קיין פֿאַרביסנקייט.

איך וויש דיר אָפּ מיט מידע הענט
די אַנגסטן פֿון דײַן קראַנקן לײַב.
איך קוש דעם טלית, הימל־בלוי,
וואָס וויקלט דיר דעם גוף אַרום:
אָ, לערן מיך, כ׳זאָל מוחל זײַן.
כ׳זאָל מוחל זײַן פֿאַר פֿרומע זינד.

ביסט אויפֿגעגאַנגען גלייך צו גאָט,
אָט ווי אַ שטילע קרבן־לאַם,
און ווי אַ טויב, וואָס שטרעקט דעם האַלדז
און גיט זיך גאָר קיין צאַפּל נישט,
בשעת דער חלף רירט זי אָן.

האָט גאָט געשיקט מלאכים צוויי,
זיי זאָלן דיר אַקעגנגיין.
ר׳האָט דיך גענומען אויף די הענט,
אָט ווי אַן אויסגעמאַטערט קינד:
„וועסט זיצן אין מײַן זיוו־געצעלט,
מיט אַלע קדושי־עליון גלײַך —
און איר׳ט באַלײַכטן מיר די וועלט...״

XX
X

קען ווערן פֿון אַ טויב אַ פֿלעדערמויז ?
זי קומט מיך מאַטערן נאַכט־אײַן נאַכט־אויס.
זי קומט די בלוטן פֿון מיר זויגן.

אַ טויב, האָב איך געוווּסט, איז גוט און פֿרום —
אין בוזעם טראָג איך זי מיט זיך אַרום,
איך פֿלי מיט איר צום רעגן־בויגן . . .

קען ווערן פֿון אַ שנעבעלע אַ שפּיז
צו קאַטעווען, צו וואַרפֿן פֿון די פֿיס ?
דער שוידער האָט מיך אָפּגעשוונדן.

אַ טויב ,וואָס כ׳האָב געכאָוועט אַזוי לאַנג —
ווי ווערט עס גאָר פֿון איר אַ פֿלעדערשלאַנג ?
מײַן האַרץ גייט אויס פֿון לויטער ווונדן.

***

איך דאַרף נישט קיין פֿעסער מיט זילבער,
און נישט קיין שטוב מיט גאָלד —
איך וויל נאָר מעגן זיך האַלדזן
מיט יענע, וואָס כ׳האָב זיי האָלט.

איך וויל נישט קיין טעפּעלע כּבוד,
איך וויל נישט קיין גרויסן טאַפּ —
איך וויל אין האַרץ דעם אָטעם,
איך וויל אויף די פּלייצעס דעם קאָפּ . . .

פֿלי, פֿלאַטער ערלעך

כ'האָב דיר דערלאַנגט אין האַנט אַ שפּאָן,
מיט אַ געפֿלאַטער פֿון אַ פֿאָן: —

געגנוג זיך דראַפּען אויפֿן דאַך
און רעדן וואַלקנטויבן־שפּראַך;

אין טיפֿער חשכות זינקט די ערד —
האָסט דאָס געשריי אירס נישט געהערט?

פֿלי, פֿאָכע ערלעך מיט דער פֿאָן
און אומעטום נאָר גוטס זאָג אָן:

„נאָך פֿינצטערניש מוז קומען ליכט —
באַשערט אונדז ווערן אויפֿגעריכט...

געגנוג געשוויגן און געשטומט —
ברענג טרייסט און היילונג ווו דו קומסט."

אין תמימות דיר אַ קוש געטאָן:
איצט פֿלי און פֿלאַטער, שיינע פֿאָן,

פֿלי, פֿאָכע איבער גאָר דער וועלט —
ברענג פֿרילינג נאָך דער וויכערקעלט,

און קום ווי נוחס טויב צוריק —
אַ בלאַט אין מויל, אַן אָפּגעפֿליקטס...

דו זעסט, אַט בייג איך דיר אַראָפּ
דעם הימלס טעלערל — אַ גאָב —

אַז אויכעט דו זאָלסט איידל זײַן,
אין חושך ברענגען שטילע שײַן; —

ביסטו אָוועק ווער ווייסט ווי ווײַט, —
און האָסט זיך אָפּגעזאָמט אַ צײַט —

און האָסט זיך יאָרן אָפּגעזאָמט — — —
ווער ט'דיר דעם וועג צוריק פֿאַרצאָמט?

איז עמעץ אין אַ ווילדן וואַלד,
אַ מאָנסטער אין אַ מענטשגעשטאַלט,

באַפֿאַלן דיך און דיך פֿאַרצוקט —
און גאָט האָט זיך נישט אומגעקוקט? . . .

געדאַנקען פֿון אַ צוגעדולטן

יאָ, גאָט איז אייביק און איז תּמיד דער גערעכטער,
און שלאָפֿט נישט דורך די טעג און דרימלט דורך די נעכט נישט.

ער קוקט אַראָפּ אויף אונדז פֿון זײַנע שטערנרויגן —
און נעמט נישט צו פֿון אונדז אויף קיין מינוט די אויגן.

נאָר וואָס ער טוט, בשעת ער איז אַן אייביק וואַכער —
איז אַלץ נאָך איינע פֿון די ניסתּרדיקסטע זאַכן.

אַז איינער זאָגט אַזוי, — זאָגט איינער דאָס פֿאַרקערטע —
סײַ ווי, צי זעט ער וואָס סע טוט זיך אויף זײַן ערד דאָ ?

דער שיינער מענטש, דער אָדם, וואָס ער האָט געסטרויעט —
צי זעט ער אים אין כּל־הרישעותן זיך רויען ?

ער מעג אין מיטן העלן טאָג אַ קינד פֿאַרשלעפּן,
ער מעג עס אויך פֿאַר אַלעמען אין ד׳אויגן קעפּן,

און קיינער וועט נישט טון — אַפֿילו נישט קיין פּינטל :
מע מאַכט זיך, אַז מע זעט נישט, איז אַ סך געזינטער . . .

ס׳איז אַ סכּנה גיין אין קרעמל אײַנצוקויפֿן —
סע גייען מענטשן־שדים אום אין גאַס און ווייוועזן,

די ראַדיאָ עצהט : בעסער בלײַבן אין די שטיבער,
מע בעט בײַ טאָג, אויף נאַכט, און ס׳זאָל די נאַכט אַריבער.

נישטאָ קיין וואָרענער, קיין נבֿיא איז נישטאָ מער —
זײַן מוסר איז דערווידער, פּונקט ווי זײַן געיאָמער

סע קומען זיך אַראָפּצולאָזן שעות־רעות,
די ליכטיקייט, דער טאָג, ווערט גראָער אַלץ און גראָער.

די שעה זאָל גאָר נישט זײַן — זיי קענען זײַן נאָך גרעסער
ווי די אַנומלטיקע ברעך, וואָס גיי פֿאַרגעס זיי . . .

צו וועמען ווענדן זיך, צו וועמען שרײַען —
מע גלייבט דען נאָך אין אַן אָבֿינו בשמים ?

ווי קען מען אים שוין גלייבן, אַז ער גייט און נאַרט גאָר,
און אַז מע שעכט אונדז — זעט מען נישט, אַז ס׳זאָל אים אַרן.

איז דאַרף מען, זאָגט מען, תּשובה טון און זיך פֿאַרטראַכטן —
און מערער דאַוועגען, איז וועט זיך קענען דאַכטן,

אַז אונדזער פּלאָגעניש וועט באַלד פֿאַרענטפֿערט ווערן —
נאָר ערלעך דאַווענען, אַפֿילו גיסן טרערן,

און גוט מכוון זײַן און זיך אײַן דרײַען בוקן —
וועט גאָט אויף אונדז, די ווערעם, נעמען אַנדערש קוקן;

זײַן האַנט, די רעכטע, די גערעכטע, וועט ער האַלטן
אויף אונדזער אָפּגעציטערט לאַנד ,דאָס יונגע־אַלטע —

ווי ער האָט צוגעזאָגט די אָבֿות נאָך פֿאַר צײַטן,
און וועט אונדז אונדזער פּלאָגעניש אויף פֿרייד פֿאַרבײַטן.

געוואַלד, איז נאָך נישט פֿול פֿאַר אים דער טרערן־כּוס, און
צי האָט מען דען נאָך ווינציק אונדזער בלוט פֿאַרגאָסן ?

— — —

וואָס דאַרף אַ גרויסער גאָט אַזאַ אַ וואָרעמס פּלאַנכען ?
וואָס אַרן אַזאַ גאָט אַ ווערעמלס געדאַנקען.

ווי קען אים זיס זײַן, אַז מע זאָל נאָר צון אים וויינען ?
ווען ס׳זאָל אַ מענטש אַזוי זיך פֿירן — וואָס ט׳מען מיינען ?

צו וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן שלעכטס ? (מע מעג עס פֿרעגן ?)
און וואָס סע טאָר נישט איינער, מעג אַ צווייטער מעגן ?

(כ׳על מיט אַזעלכע רייד אויף ייִדן חרפּות ברענגען,
און מ׳עט דערפֿאַר אייביק אויף דער צונג מיך הענגען ?).

אַ מעשׂה מיט אַ פֿויגל

געוועזן אַ מאָל אַ מאָדנער פֿויגל,
איך ווייס נישט ווו און ווייס נישט ווען —

האָט ער געזונגען גלײַך מיט אַלע,
מער־ווינציקער — נאָר וואָס זשע דען ?

ער האָט געהאַט אַ קלאַנג נאָר איינעם,
אַן ערלעכן און קלאָרן קלאַנג,
און ר׳איז נישט מיד געוואָרן זינגען
אַ גאַנצן טאָג זײַן איין געזאַנג.

נו, וואָס איז שלעכט אַ קלאַנג נאָר איינער —
אַבי נאָר ערלעך און געטרײַ?
אים ווילט זיך אָבער זינגען אַנדערש:
„אין נײַע צײַטן זינגט מען נײַ . . .“

אַ קלאַנג, אַן איינציקער — וואָס טויג נישט?
אַבי ר׳איז ערלעך און איז קלאָר.
אַ קלאַנג, אַ ריינעם צו פֿאַרמאָגן —
אויף אַלע ליבע אַזאַ יאָר

נו, וויל ער זינגען אַנדערש אָבער,
ווײַל איצטער, זאָגט ער, זינגט ער: עט.
און אַ פּאָעט, וואָס זינגט נישט אַנדערש,
וואָס איז ער דאָרט פֿאַר אַ פּאָעט?

אים ווילט זיך זינגען אַנדערש עפּעס —
ער ווייסט דערווײַל נישט ווי אַזוי —
אַבי נישט אייביק וועגן ביימער
און וועגן זון און וועגן טוי.

ס׳איז אים אַלײַן שוין באַלד דערעסן
טאָג־אײַן טאָג־אויס דאָס איינע ליד —
יאָ, מענטשן וואַרפֿן נישט קיין שטיינער,
נאָר זענען אויך, קען זײַן, שוין מיד.

דערצו נאָך האָבן גוטע לײַטן
דעם פֿויג געגעבן צו פֿאַרשטיין,
אַז אויף אַ ווילדן ברעג, ווער ווייסט ווו,
וועט זײַן געזאַנג זײַן טאָפּל שיין.

נו, האָט ער אָנגעהויבן פֿליִען,
און איז געפֿלויגן זייער לאַנג —
נאָר אָט איז ער שוין ערגעץ דאָרטן
אין ווײַטן לאַנד, צו גאָט אַ דאַנק.

ער שטעלט זיך אויף אַ פֿעלדז בײַם וואַסער,
און עפֿנט נאָר דאָס מויל — אַ גרויל!
סע פֿליט אַרויס פֿון טײַך אַ פֿיש, און
אַרײַן צון אים טיף־טיף אין מויל —

אַהין אין גאָרגל, ווו געוויינטלעך
אַ פֿויגלס טענער־אוצר ליגט,
און אַז דעם פֿויגל כאַפּט אַ חשק,
צעטרילערט ער זיך פֿויגלדיק.

נו, אָבער אַז בײַם פֿויגל, נעבעך,
אין גאָרגל ליגט אַצינד אַ פֿיש —
איז קומט אַ קלאַנג אַרויסצוברענגען,
פֿאַרגייט ער אַזש פֿון מאַטערניש.

אַ מיצווה אויף אַזאַ מין פֿויגל!
געפֿלויגן אין אַ ווילדערניש —
געוואָלט נישט זינגען גלײַך ווי אַלע,
איז זינגט ער איצטער ווי אַ פֿיש.

ווינטערליד

פֿאַלט און פֿאַלט אַ ווײַסער שניי
אויף דער ערד, דער ווײַסער —
פֿון דער בלאָטעדיקער וועלט
ווערט אַ שיינע מעשׂה.

מיט אַ ריינעם טיכל שניי
פֿליט אַ ווינט און נישטערט:
ווו ער זעט אַ פֿענצטערל —
איז ער דאָ און ווישט עס.

אויסגעוואַקסן איבער נאַכט
עפּעס ווײַסעביימער —
און מע זעט אַפֿילו שוין
בלי̈עכץ אין אַ שניימעל.

וואָסער בלי̈עכץ? דאַכט זיך, אַז
בלאָלעכדיקע שטערן —
אפֿשר פֿאָרט וועט נאָך די וועלט
טאָקע שענער ווערן.

עמעץ וואַרפֿט אויף אַלע קעפּ
גרײַפּלעך — זשמעניעס גאַנצע,
און די פֿאָלעס טשעפּעט ער —
מע זאָל מיט אים טאַנצן.

טאַנצט מען מיט אים, ווײַל ס׳איז גוט
טאַנצן אין אַ מעשׂה —
אין די אויגן פינטלען אַזש
גוטע טרערן, ווײַסע.

אין די שנייען קלימפּערן
גלעקלעך קוים געהערטע —
פֿליט אַ חתן דאָ פֿאַרבײַ
גלײַך צו זײַן באַשערטער?

נישט מע הערט קיין וועגענער,
נישט קיין פֿערדלעך טופּען —
אָ, קען זײַן, מ׳האָט אָפּגערעדט:
בלויז אַ שטילע חופּה...

דאָס געקלימפּער רירט זיך נישט —
ערגעץ פֿון דער ווײַטנס
קומען שטילע וועגענער
קומען שטילע לײַטן.

פֿאַלט און פֿאַלט אַ ווײַסער שניי
אויף דער ערד, דער ווײַסער —
פֿון דער בלאָטעדיקער ערד
ווערט אַ שיינע מעשׂה...

די עפּלביימער שטייען פֿולע

די עפּלביימער שטייען פֿולע,
די קאַרש און דער מאַנדל זענען מלא־טעם.
אַ רעגן־בויגן, ווי אַ ליכטיקע שלייקע,
איז געשפּרייט איבערן גאָרטן, פֿון צאָם ביז צאָם.

די שטילע שיינקייט איז נישט צו באַשרײַבן.
מיט די שענסטע ווערטער מאַכט מען זיך צום נאַר.
די פֿאַרשעמטקייט אויף די צווײַגן שושקעט: זאָל ווער קומען
און אַראָפּקושן פֿון זיי זייער צײַטיקן צער.

דער האָניק ציקעט אויס אין די רעגנדיקע נעכט סוף־זומער.
די ווינטן צעשלעפּן אים אין די אָסיענדיקע נעכט.
די זון פֿאַרגייט גיכער ווי זי איז אויפֿגעגאַנגען.
וואָס דער סיוון סטרויעט אויס, קומט דער חשוון און צעברעכט.

די ערד פֿאַרזאַפּט די זאַפֿטן פֿון אונטער דער קאָרע,
זי איז זאַמדיק און דאָרשטיק, און בלוט טרינקט זי אויך.
דאָ שווימען גיך פֿאַרבײַ די דורכגעזיגענע רעגנס,
און די אויסגעוואַשענע הימלען זענען הויך, צו הויך.

דער ווינט, וואָס דאַרף צונויפֿפּאָרןביימער,
גייט דאָ אום אַ שיכּורער שלינג און שלאַנג,
קומט דער פֿאַרטאָג, ווען מע דאַרף דאַנקען דעם בורא,
הערט מען נישט אין דער שטילקייט קיין וואַרעמען קלאַנג.

אין די גאָלדענע פֿאַרנאַכטן, אין די זילבערנע פֿאַרטאָגן —
ווער הערט אין גאָרטן אַ פֿאַרטײַעט געוויין?
דער, וואָס האָט דעם גאָרטן באַשאַפֿן,
אים אַרומגעצאַמט און אים אויסגעשטיינט.

זאָג מיר וואָס ס׳טוט דיר ווײ

כ׳האָב גענומען די פֿרייד אונטערן אָרעם:
— קום, זאָג מיר, וואָס ס׳טוט דיר ווײ.
אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ איצט
מער קיינער, אַחוץ אונדז צוויי.

סע רעדט זיך אַזוי: מער קיינער —
אַ פֿייגעלע איז נאָך דאָ,
און פֿאַרזינגט מיט טריבע טרעלן
די אָנהייב־אָוונט־שעה.

אַ פֿייגעלע ווייסט טאַקע גאָרנישט,
נאָר הערסט דאָך — ס׳איז פֿאָרט פֿאַרצאָגט.
גיי ווייס, וואָס ס׳האָט אָנגעווווירן,
און וואָס ס׳האָט אַ מאָל פֿאַרמאָגט.

סע רעדט זיך אַזוי: נישט קיינער —
נישט ווײַט אַ וואַסערל גייט,
און מאַכט אַ פּירוש טרויער
אויף איטלעכער רגע פֿרייד.

דאָס וואַסערל זאָל דיך נישט אַרן,
וואָס פּלאַפּלט כּמעט מיט אַ גראַם —
כאָטש, עפּעס איז דאָ אין געפּלאַפּל:
צום ים... צום ים... צום ים...

וועגן ים איז בעסער נישט רעדן,
ווײַל וועגן זײַן טיפֿן באַטײַט
וואָס ווייסט מען? גאָלע גאָרנישט —
אַפֿילו די קליגסטע לײַט.

איז אויב מע ווייסט נישט גאָרנישט —
פֿאַר וואָס זשע זיך שרעקן דערפֿאַר ?
ווי קען די פֿרייד אונטערן אָרעם
גאָר זײַן אַזאַ נאַר, אַזאַ נאַר ? . . .

אין צווייען

אין דער לופֿטן וויגט זיך וואָס
אין אַ שטילן ווינט.
ס׳קען נישט זײַן, אַז אין דער פֿרייד
זאָל גאָר זײַן אַ זינד.

ס׳איז אַ קיישל קאָרנבלומען,
און באַפּוצט מיט מאָן,
און דער צווייט איז דאָ דערבײַ
זינט פֿון אייביק אָן.

און דער שטילער ווינט פֿליט אום
איידל און פֿאַרשײַט,
און אַ שוואַלב זוכט אום די פּאָר —
זי איז דאָ נישט ווײַט.

און צום קיישל קאָרנבלומען
גייט מען נישט אַליין —
נאָר אין צווייען דאַרף מען שטיל
צו דער סעודה גיין.

אַ דאַנק

מײַן אייניקל — ס׳איז אַלט אַ יאָר —
בשעת מע גיט אים עפּעס,
לערנט מען עס: „זאָג אַ ד־אַ־נ־ק —"
(מע טוט עס מיט געזאַנג).

וואָס ווייסט אַ פּיצל קינד?
סע זעט: מע גיט אים עפּעס, מע דערלאַנגט,
און זאָגן זאָגט מען נאָך דערבײַ: נו, זאָג אַ דאַנק —
איז מאַכט עס נאָך דעם קלאַנג
און זאָגט: אַ ד־אַ־נ־ק . . .

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג,
האָט זיך בײַ אים געמאַכט אַ גאַנג:
סע ג י ט — און זאָגט: אַ דאַנק . . .

איר זאָגט מסתם: אַהי!
ס׳איז פידרעך! ס׳איז פאַרקערט!
מ׳האָט גאָר אַזוינס נאָך נישט געהערט!
איז זאָג איך אײַך בהן־שלי:
דערינען ליגט אַ הערלעכער געדאַנק —
דער געבער, נישט דער נעמער, זאָגן דאַרף: אַ דאַנק.
דער געבער האָט די פרייד: ער גיט דאָך אַ געשאַנק.
דער נעמער אָבער, צי ,ווער רעדט דער בעטער,
וואָס באַדאַרף עס אָנקומען צו לײַט מיט זײַן פאַרלאַנג —
ער האָט דאָך פון דערפון נאָר בושות,
און ער ווערט צו מאָל אַזש קראַנק.

אויף דיר אַ ליכטיק לעבן,
אייניקל, מײַן קרוין, —
איך זע, דו ווייסט עס שוין,
אַז דער, וואָס האָט צו געבן,
און ער גיט.
באַדאַרף דעם נעמער זאָגן שיין: אַ דאַנק.

און אַנדערש ניט.

אַ קינדס אַ קינד

ווער מעקט עס אָפּ די ווערטער מײַנע אויפֿן זאַמד
אַזוי געשווינד?

— אַ בייזער ווינט.

די אותיות צאַפּלען און זיי ציִען זיך דאָך נאָך
צו זייער אָרט.

— ס'איז נאָר אַ וואָרט.

כ'האָב נאָך די קליינע פֿריידן אין מײַן קלעמעניש
נישט אָפּגעטיילט.

— די צײַט פֿאַרהיילט.

די שוואַלב בײַ מיר אין האַרץ איז באַלד שוין שטום: דער גרויל
איז נישט אַוועק.

— ס'האָט אַלץ אַ ברעג.

ווער וועט די ליפּן פֿון מײַן טרויער טון אַ קוש,
אין בייזן ווינט?

— אַ קינדס אַ קינד . . .

אין פּאָלקסטאָן

כ׳האָב געשריבן אַן אײדל בריװעלע,
און האַלב פֿאַרמאַכט די אױגן — — —
איז געקומען אַ סטײַע פֿײגעלעך
פֿון ערגעץ װו געפֿלױגן.

זײ האָבן דערזען דאָס בריװעלע
און גענומען דעריבער זיך רײַסן,
װי איטלעכס אײנע װאָלט מיר געװאָלט
זײַן גרױס געטרײַשאַפֿט װײַזן.

האָב איך גענומען דאָס בריװעלע
און געזאָגט די פֿײגעלעך: „ניטע,
דאָס האַרץ איז מיר שױן סײַ װי סײַ
אױף אַזױ פֿיל שטיקער צעשניטן.

אַז איר װעט צערײַסן מײַן בריװעלע —
איז װאָס זשע װעט מיר בלײַבן?
אַ האַרץ פֿאַרקלעמט פֿון בענקעניש —
און נישט קענען קײן בריװעלע שרײַבן?"

איז ליגן געבליבן דאָס בריװעלע,
און איך װײס נישט װאָס אָנצוהײבן;
בלױז דער, װאָס װײסט װאָס בענקשאַפֿט איז,
װעט מײַנע לײד מיר גלײבן.

* *

באַפּרוכטן מיט אַ קוש אַ מיידלס מויל
און פֿורעמען אויף אירע ליפּן אַ באַטעמטן שמייכל —
דאָס איז על פּי שׂכל
אַן עבֿירה, נאָר אַ גוטע:
אין אַ פּאָר מינוטן
האָסטו עפּעס דאָ באַשאַפֿן.
(טיפּשים מעגן גאַפֿן.)

און די חטאים, וואָס אַ מענטש באַגייט זיי אויף אַן אמת,
צי אין אַ מחשבֿה־זרה —
זאָגן ספֿרים,
און זיי ווייסן דאָך וואָס קלאָר איז —
אַז פֿון דער קדושה האָט זיך אַלץ דערנומען —
דורך אַ לאַנגן ווו־אַרומערט.
כ׳הער דעם בורא־עולם זאָגן:
באָט איַך זינד, און קריגט זיך איינער מיטן צווייטן,
נאָר איר זאָלט זיך נאָר נישט שלאָגן
און, חלילה, זיך צי יענעמען נישט וויי טון.

זײַ מיר מוחל, גאָט,
— אויב איך בין ריין —
וואָס איך האָב מיך געקווענקלט
צו באַגיין
די שיינע זינד, וואָס דו האָסט זיי באַשאַפֿן,
און אין דײַן גענאָד דעם גוטן מענטש געשענקט זיי.

אַ קליינע מעשׂה

אַ מאָל האָט אַ מענטש דערזען אין וואַלד
אויף אַ סטעזשקע דאָס פֿייגעלע מזל —
ס׳האָט אים פֿאַרכאַפּט בײַם אָטעם אַזש,
און דאָס האַרץ בײַ אים צוגעגזלט.

דאָס דאָזיקע פֿייגעלע, אוי, ווען איך האָב —
ס׳איז דער העכסטער פֿון מײַנע פֿאַרלאַנגען!
... כ׳על באַשפּרינקלען דעם פֿייגעלעס וויידעלע
מיט זאַלץ — וועט עס לאָזן זיך פֿאַנגען...

געלאָפֿן, געבברענגט אַ טאָפּ מיט זאַלץ,
געקומען — דאָס פֿייגעלע וואַרט נאָך — — — —
פֿאַר לויטער פֿרייד — אַ כאַפּ דעם טאָפּ,
און אַ וואַרף, ווי אַ שטײן, אַ האַרטן.

געטראָפֿן דאָס פֿייגעלע גלייך אין האַרץ,
און — וואָס איז זיך דאָ צו שטויסן?
דעם פֿייגעלעס האַרץ איז געווען אַ קליינס,
דער טאָפּ מיט זאַלץ — אַ גרויסער.

האָט זיך דער מענטש אַראָפּגענייגט
און גענומען, פֿון צער, זיך וויגן —
און אַ פֿאַל געטון לעבן פֿייגעלע,
און איז דאָרט געבליבן ליגן.

* *

זומער גייען אום די מיידלעך —
ווי זיי זאָלן ווערן ווײַזן
אַלע זייערע רונדיקייטן
גליד נאָך גליד,
און מיינסטנס נאָר אין ווײַסן.

ווינטער זענען זיי געשמידט
אין קליידערקייטן,
ווי אין אײַזן,
מיינסטנס נאָך דערצו אין שוואַרצן —
אַז סע רײַסט בײַם האַרצן,
ווי איך בין אַ ייִד.

בלויז דער

בלויז דער, וואָס חלומט אויף דער וואָר,
און איז אין שיכּרות ניכטער —
אויף מײַנע ליבע אַזאַ יאָר:
ער איז דער וואָרער דיכטער.

און דער, וואָס זאָגט אויף צרות: „עט,
סע קומט און גייט אַריבער" —
ער איז דער אמתער פּאָעט,
אויף אַלע מײַנע ליבע.

און דער, וואָס קוקט אַויף הינדעלעך,
און זאָגט, אַז ס'איז וואַראָנעס —
אויף אים ווי קען מען זאָגן שלעכטס?
ס'איז דאָך אַ גאָטס רחמנות.

* *

גריכיש, זאָגט דער מהר״ל ווו,
און מסתּמא אויכעט אַחר —
האָט אַזעלכע שיינע אוצרות,
אפשר ווי קיין אַנדער שפּראַך נישט.

אַלע שפּראַכן זענען שיינע,
רײַכע (אָדער אויסגעפּוצטע).
און מײַן שפּראַך איז נישט די שענסטע —
נאָר איך זאָג: זי איז די גוטסטע.

כ׳האָב דאָך דאָ די טאַטע־מאַמע,
ביידע זיידעס — דאַרף איך מערער?
און די דורות זינט באַרג סיני
מאַכן מיר די וועלט דאָ קלערער.

איבערזעצן זיך אַהין צו,
וווּ די שפּראַכן בלישטשען, בליצן?
דאָ, וווּ ס׳איז מיר היימיש, וואַרעם,
איז מיר גוט צו בלײַבן זיצן.

קאַליאַ

(לויט חנה ווידערמאַנס אַ מעשׂהלע, וואָס איר האָט עס אַ מאָל
דערציילט אירע אַ פרײַנדינע —
און וואָס סע קען מיר נישט אַרויס פון זינען.
סע ליגט מיר אין זכּרון
שוין מסתּמא גוטע דרײַ צענדליק יאָרן

ס'איז מיר אַזוי געפֿעלן,
אַז כ'האָב עס אַזש געמוזט אין גראַמען שטעלן.
איך שווער אײַך: נישט כּדי דאָס מעשׂהלע צו מאַכן שענער,
צי גאָר צו ווײַזן אַז איך בין אַזאַ גרויסער גראַמען־קענער,
נאָר, פּשוט צוליב אַ מין גראַמען־שגעון,
וואָס מאַטערט מיך נאָך פֿון יינגלווײַז אָן.
ווען איך וואָלט געהאַט צײַט, וואָלט איך אַלע שיינע מעשׂהלעך
פֿון דער וועלט
אין יידישע גראַמען איבערגעשטעלט.
דעם סוד פֿון גראַמען איז מען נאָך דערווײַל נישט דערגאַנגען.
קען זײַן, אַז סע ליגן ד'ערין שיינע פֿאַרבאָרגענע פֿאַרלאַנגען.)

בײַ אַט דער פֿרײַנדינע אין דאָרף האָט געווינט
אַ פויער, וואָס ער האָט געהאַט אַ סאָד — און ער האָט אים געהיט
און געשוינט:
אַליין נעמען אַ פּרי אין מויל אַרײַן האָט מען זיך נישט פֿאַרגונען —
סײַדנס וואָס מ'האָט אויף דער ערד געפֿונען;
וואָס דער ווינט, הייסט עס, האָט אַראָפּגעקלאַפּט,
דאָס האָבן דעם פויערס קינדער צעכאַפּט.
טאָמער האָט זיך אַ מאָל געטראָפֿן אַז אַ קינד,
האָט אַליין אַראָפּגעריסן אַ פּרי פֿון אַ בוים, איז אים שוין געווען
ווײ און ווינד —
מ'האָט אים דערלאַנגט אין הינטן וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן:
„אַ קינד זאָל קיין חזיר נישט זײַן...״

געקומען אָסיענצײַט — פֿלעג מען אַרויסנעמען פֿונעם קעלער
ליידיקע קויבערס, טעפּ, זעק —
מ'האָט זיי אָנגעפֿילט מיט גאָטס גאָב, און מ'איז דערמיט אין שטאָט
אַוועק.

דאָרט האָט מען אָפּגעלייזט וויפֿל מ׳האָט שוין אָפּגעלייזט,
אַבי דאָס יאָר איז אַריבער אָן בייזס,
אָן ווערעם, און אָן טריקעניִשן,
און אַבי ס׳עט זײַן ברויט, און צום ברויט, אויף די טישן.

גוט. וואָס קען דאָ זײַן שלעכט ?
מע האָרעוועט בײַ טאָג, מע שלאָפֿט געשמאַק דורך די נעכט.
אַ לאַנקע איז דאָ און אַ טײַך, און פֿיש —
אַן אָרעמלעך לעבן, נאָר פֿון הונגער שטאַרבט מען נישט.

צווישן דעם פּויערס קינדער איז געווען איינער, קאַליאַ, וואָס די ערד האָט אונטער אים געברענט —
אַז ווו נאָר עפּעס, מוז ער עס האַלטן אין די הענט,
און ער מוז זען פֿון וואַנען די פֿיס וואַקסן — ער מוז !
און — אים האָט מען נישט געקענט כאַפּן אַז ער פֿלעג גנבֿענען פֿונעם גאָרטן אַן עפּל, אַ נוס . . .
און גנבֿענען די אייער פֿון די פֿויגלנעסטן האָט מען דאָך געמעגט —
פֿלעג ער אויף די ביימער זומערצײַט אָפּזיצן גאַנצע טעג,
און טאַקע דאָרט
אויפֿן אָרט

פֿלעג ער די אייער עפֿענען און זיי אויסזשליאַקען.
די געשרייען פֿון די מאַמע־פֿייגל האָבן אים נישט געשראָקן.
אויף די העכסטע ביימער זיך דראַפּען האָט ער געקענט —
אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט געבראָכן רוק־און־לענד.
און ער האָט שוין געוווסט, ווען די פֿייגל הייבן אָן צו לייגן אייער — איטלעכער אין זײַן צײַט.
פֿלעג ער תּמיד וועסנעצײַט באַקומען בעקלעך און מ׳האָט ממש געזען אויף אים אַ בײַט.

איז אָט דער קאַליאַ איין מאָל אַרויף אויף אַ בוים,
וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווײַנשל, אַזוי ווי מיט ראַזעווען שוים.
דער פויער מיט זײַן אַלטער זענען געהאַט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג.
און מ׳האָט די קינדער אָנגעזאָגט:
„היטס דעם גאָרטן! געדענקטס וואָס מע רעדט צו אײַך!" —
אָבער די קינדער זענען אַוועק צום טײַך
זיך אַ ביסל איבערשווימען,
און זיך בראָטן אויפֿן הייסן זאַמד און קוקן אויפֿן הימל,
און אַוועקלאָזן פֿלאַכע שטיינדעלעך — „קאַטשקעלעך" — איבערן וואַסערפֿלאַך.
סײַ ווי, אָט דער קאַליאַ האָט נישט געקלערט קיין סך,
און גענומען וואַרפֿן ווײַנשל אין מויל אַרײַן,
און די ווײַנשל זענען נאָך נישט געווען ווי ווײַנשל דאַרפֿן זײַן —
זיי זענען נאָך געווען היפּש אומצײַטיק און האַרטלעך;
נאָר קאַליאַ האָט זיך געטראַכט: אַן עסק! . . . כ׳וויל נישט וואַרטן! . . .
ער איז זיך פּאַמעלעך געקראָכן פֿון צווײַגל צו צווײַגל,
און האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט: וואָס סע זאָל נישט זײַן — וועל איך מיד מאַכן תּמעוואַטע: כ׳על שווײַגן . . .

די קינדער פֿונעם דאָרף האָבן עס דווקא דערשמעקט.
און זענען געקומען צו לויפֿן, און אויסגעשטרעקט
די הענטעלעך: „קאַליאַ וואַרף אונדז אויך אַראָפּ אַ ווײַנשעלע, וואַרף! . . .״
האָט ער זיי געענטפֿערט: „קודם דאַרף איך אַליין עסן וויפֿל איך קען און וויפֿל איך דאַרף —
און דרייט נישט קיין קאָפּ —
איך בין אַ פויער, אַ קלוגער כלאָפּ.
און אַראָפּ וועל איך נישט גיין,
ביז דער בוים וועט נישט זײַן אין גאַנצן ריין . . .״

די ווײַנשל האָט ער געשלונגען מיט די קערלעך —
אויסשפּײַען איטלעכס קערל האָט גענומען צו לאַנג, און ס׳איז
געווען שווערלעך.
אַ צעקוועטש אין מויל דאָס ווײַנשעלע — און אַראָפּגעשלונגען.

די קינדער זענען שוין נישט געווען, האָט ער זיך מער נישט
געדונגען:
ער האָט געהאַלטן אין איין צופּן מיט ביידע הענט,
און געגעסן וויפל ער האָט טאַקע געקענט —
די קינדער נישט געגעבן אַפּילו קיין ווײַנשל ,קיין איינע —
ס׳האָט נישט געהאָלפן זייער בעטן, כּמעט זייער וויינען.
און אַז ער האָט שוין אויף אַן אמת נישט געקענט מער שלינגען,
האָט ער געגעבן אַ טיפן אָטעם, און גענומען עפּעס אונטערזינגען...
דערנאָך איז ער פאַמעלעך אַראָפּ פונעם בוים, און זיך אויסגעצויגן
אויף דער ערד מיטן פּנים אַרויף, און צוגעמאַכט די אויגן.
אויף אַ מאָל האָט ער, אין אַ טיפן דרימל, דערפילט
אַ שטעכעניש אין בויך, און אי סע ברענט דאָרט, אי סע קילט.
דער בויך איז אים געשוואָלן געוואָרן ווי אַ פּעסל,
און פון ווייטיק האָט ער אַזש נישט געדענקט, אַז ער האָט אַ בוים
מיט ווײַנשל אויפגעגעסן.
דער בויך איז אים געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין —
און ער האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן און גיין.
ער האָט זיך גענומען וואַלגערן אויף דער ערד און זיך דרייען אין
דרײַען,ווי אַ שלאַנג —
נאָר ס׳איז נישט געווען ווער סע זאָל זען, אַז אַט גייט ער אַ גאַנג...
ער האָט געמאַכט קולות, ער האָט געגאָסן מיט טרערן
נאָר ס׳איז נישט געווען, ווער סע זאָל אים הערן.

אויף צו מאָרגנס איז דאָס דאָרף זיך צונויפגעלאָפן —
מ׳האָט געהערט וואָס ס׳האָט געטראָפן;

קאַליאַ האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן — מ׳האָט עס דערקענט אינעם בויך,
און אינעם פּנים אויך.
דער בויך איז בײַ אים געווען געשוואָלן ווי אַ באַרג, און דאָס פּנים — אַ בראַנד.
מ׳האָט גערופֿן דעם טאַטער, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.
האָט מען אָנגעצונדן אַ ליכט קאָליאַן צוקאָפּנס, און דער גלח איז געקומען
און גענומען זאָגן פֿונעם ספֿר־פּראַלניק אַרויס, זאָגן און ברומען.
געזאָגט און געברומט און גאַרנישט געקענט אויפֿהערן.
די מוטער איז געזעסן לעבן קאָליאַן, עפּעס אין אים אַרײַנגערעדט,
און זיך געווישט די טרערן.
דער פֿאָטער האָט אַרײַנגעברענגט עטלעכע ברעטלעך, אַ זעג, אַ האַמער,
און די קאַמער
איז פֿול געוואָרן מיט שטילע האַמערקלעפּ.
די קינדער זענען געלעגן אויף די נאַרעס, און מ׳האָט נאָר געזען די קעפּ
מיט די צעשראָקענע אויגן —
ווי אַ קאָרשון זאָל האָבן פֿון ערגעץ אָנגעפֿלויגן.

קאָליאַ האָט געפּינטלט מיט די אויגן און זיך צוגעקוקט.
די מאַמע, האָט ער געזען, האָט געקניט און זיך געבוקט
פֿאַרן יעזוס־בילד, וואָס אויף דער וואַנט.
לסוף איז דער פֿאָטער צוגעגאַנגען צו קאָליאַן און אים אָנגערירט די האַנט:
„וואָסער קעסטעלע ווילסטו, קאָליאַ?״ — האָט קאָליאַ אַ זיפֿץ געטון: „אַ בלויס . . .
אין אַ בלוי קעסטעלע פֿירטס מיך צום צווינטער אַרויס . . .״
ער האָט עס אַרוסגערעדט קלאָר, נאָר פֿאַרטרויערט.

און דער פֿאָטער איז געגאַנגען נאָך פֿאַרב, נאָך בלויער . . .

גלות

יולי, 1941.

אין די צפון־בוקעווינער שטעטלעך האָבן זיך געשטעלט פחדים־דיקע טעג. שוין עטלעכע מעת־לעת, אַז די רויטע־אַרמייִטיילן האָבן אָפּגעצויגן. פון איטלעכן שטעטל זענען אַוועק מיט זיי היפּש עטלעכע יונגע־לײַט, געוויינטלעך אַזוינע, וואָס האָבן זיך אין די עטלעכע חדשים רוסישע אָקופּאַציע פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָבער אויך סתם יונג בלוט, וואָס האָט גיכער געוואָלט אײַנשטעלן ס׳לעבן און אַוועק מיט די רוסן זיך שלאָגן קעגן די דײַטשן, איידער בלײַבן ליגן אײַנגע־לייגט בײַ טאַטע־מאַמע אין דער היים און וואַרטן. מ׳האָט געוווּסט, אַז אויב וואַרטן, וועט מען זיך דאָ דערוואַרטן אויף איין זאַך: אויף פּאָגראָ־מען, אויף טויט.

מ׳האָט זיך אייגנטלעך געריכט אויף די דײַטשן אַפילו בשעת דער רוסישער אָקופּאַציע. עפּעס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דער גאַנצער איבערבײַט זאָל האָבן אָפּגעלאָפן אַזוי גלאַטיק. סע רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי: גלאַטיק.

אַז די רומענישע אַרמיי האָט אָפּגעצויגן פון צפון־בוקעווינע, האָט זי, פאַר רציחה, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ סליד פון בלוט און פון טרערן — אין אַלע ייִדישע שטעטלעך, וואָס ס׳איז איר אויסגעקומען דורכצו־שנײַדן. זיי האָבן נישט געקליבן, די רומענער: וואָס פאַר אַ ייִדיש נפש ס׳איז זיי געקומען אין וועג, האָבן זיי פאַרפּײַניקט, דערשאָסן. איטלעכס ייִדישע שטעטל איז געבליבן מיט ווונדן אויפן פאַרמאַטערטן לײַב, מיט הרוגים. האָט מען נאָר געטראַכט: אויב די רומענער האָבן זיך אַזוי אויסגעפּײַנט, אַזוי פאַרחתמעט די ממשלה זייערע — איז אויך וואָס קען מען זיך ריכטן פון זייערע לײַבלעכע עלטערע ברידער, פון די דײַטשן?

איינס, פון די אַ שטעטלעך, צופוסנס פון די אָנהייב־קאַרפּאַטן, איז,מער ווי די אַרומיקע שטעטלעך, געבליבן אויסגעליידיקט פון יונג־וואַרג. נאָר אויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס שטעטל איז אין גאַנצן ליידיק פון מענטשן . . . די שטעלכלעך אויפן מאַרק זענען געשטאַנען טויטע, מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. די געוועלבן און די שטיבער — פאַרקלאַפּטע, פאַרהאַמערטע, ווי בײַ שטיבער, וואָס מ׳אַנטלויפט פון זיי. מ׳האָט מורא

געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. זעלטן ווען פֿלעג זיך אַ הינטערשטע טיר, אין הויף אַרײַן, עפֿענען, און זיך צוריק פֿאַרמאַכן, ווי אין דרויסן זאָל שטיין אַ פֿראָסט, אַ גזלן. בײַ טאָג אַזוי. בײַ נאַכט פֿלעג מען זיך יאָ אַרויסשאַרן אויף דער גאַס אַרויס, אָבער בלויז די מענער. מע פֿלעג זיך צונויפֿקומען אין רעדלעך, ווי צו קידוש־לבֿנה, אָבער שטיל, זיך שוש־קענדיק. גערעדט האָט מען מער מיט די אויגן און מיט די פּנימער, ווי מיט די מײַלער, זיך צוגעהערט צו די לאַנגע אָפּהילכן, וואָס האָבן זיך פֿון ערגעץ געטראָגן אויף די כוואַליעס פֿון דער בײַנאַכטיקער קילקייט — מ'האָט נישט געוווּסט פֿון וואַנען . . . מ'האָט נאָר געהערט, ווי ערגעץ ווײַט, ווײַט ווערן בערג אויפֿגעריסן, שפּאַלט זיך די ערד. דערנאָך איז מען צוריק אַרײַן אין די שטיבער, ווו די ווײַבער האָבן געהאַלטן דאָס קליינוואַרג אַרום זיך, כּמעט ווי צוגעהאַלטן, און געציטערט דעריבער, ווי קוואָטשקעס ,וואָס באַהאַלטן די הינדעלעך אונטער זייערע פֿליגל, בשעת אין דער הייך באַווײַזט זיך אַ רויבפֿויגל, אַ סכּנה.

אַז די מענער האָבן זיך צוריק אַרײַנגעשאַרט אין די שטיבער, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מיט אַ ציטערניש אין די טריט, האָבן די ווײַבער פֿאַרשפּאַרט צו פֿרעגן, וואָס סע הערט זיך. זיי האָבן אַליין פֿאַר־שטאַנען, די מאַמעס, אַז דאָ פֿליט אָן פֿון ערגעץ אַ מוראַדיקער פֿויגל, וואָס ס'איז קעגן אים נישט פֿאַראַן קיין באַוואָרעניש, סײַדנס אַנטלויפֿן ווו די אויגן וועלן טראָגן . . . נאָר גיי אַנטלויף פֿאַר אַ טאַנק, פֿאַר אַ באָמבע . . . זיי האָבן געפֿילט, כאָטש זיי האָבן עס מורא געהאַט איבער די ליפּן צו ברענגען, אַז דאָ איז גאָר נישטאָ קיין אַנטרינונג, סײַדנס אַ נס . . .

שוין דרײַ טעג, אַז אינעם שטעטל און אויף די וועגן, וואָס פֿירן אין שטעטל אַרײַן, איז געווען שטיל, ווי אין אַן אויער, און ס'האָט זיך גאָרנישט נישט גערירט. די פּויערים זענען געלעגן אין די דערפֿער, זיך נישט געוואָלט אַרויסלאָזן מיט פֿערד־און־וועגעלע. ווער וועט בײַ זיי איצט עפּעס קויפֿן?

שוין דרײַ נעכט, אַז דאָס שטעטל ליגט מיט אָפֿענע אויגן און מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם, צונויפֿגעקאָרטשעט אין חשכות און אין פּחד, און מע הערט זיך אײַן אין דער אַרומיקער, לײדיקער, פֿאַרטײַעטער ווײַט — ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אויף פֿון אַ וויסטן קאָשמאַר־חלום, און ער האָט פֿאַר שרעק אַזש מורא צו אָטעמען. פֿון קיין שום פֿענצטער האָט נישט אַרויסגעליכטלט קיין שײַן. פֿון ערגעץ האָט זיך קיין שום קלאַנג נישט געהערט, קיין מינדסטער טריט נישט אַפֿילו. בלויז עטלעכע הינט פֿון

די שטיבער, וואָס אַ ביסעלע אָפּגעטיילט פֿונעם ייִשובֿ, זענען זיך אַלע מאָל פֿאַרגאַנגען כּמעט מיט מענטשלעכע קולות אין לאַנגע, צעצויגענע געיאָמערן. ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז עפּעס פֿילן זיי, די שטומע ציגלער, אַז דאָ טראָגט זיך אומגליק אויף אויף זיי, און אַז דאָס בעטן זיי רחמים, אַז מע זאָל זיי כאָטש נישט פֿאַרגעסן אָפּצולאָזן פֿון די קייטן, אין דער בהלה — אַז ס׳עט אויסקומען צו אַנטלויפֿן — זיי זאָלן כאָטש נישט שטאַרבן אויף די קייטן — אַזוי, האָט זיך גערדאַכט, בעטן זיי זיך.

מ׳האָט עטלעכע טעג געלעבט מיט דער נשמה אין די הענט, ביז אין אַ תּחילת נאַכט זענען אַנגעריטן עטלעכע יונגע־לײַט, באַביקסטע, אַנגעקלאַפּט אין די ערשטע שטיבער פֿונעם שטעטל, און אַרײַנגעשריגן אויף פּראָסט ייִדיש:

— אַנטלויפֿטס! . . .

— לויפֿטס מיטן וואַלד! . . .

און זיי האָבן זיך צוריק אויסגעקערעוועט און זענען אַוועק אין אַ גאַלאָפּ — אַהין, פֿון וואַנען זיי האָבן אַנגעיאָגט.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. כּהרף־עין איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויף די פֿיס. ווי די מוראַשקעס, אַז מע צעשטערט אַ בערגל ערד, ווי זיי ווינען און נעסטיקן זיך, אַזוי האָבן זיך פֿון אַלע שטיבער אַ לאָז געטון מענטשן. די ווײַבער האָבן זיך געריסן די האָר פֿונעם קאָפּ, גע־פּאַכעט מיט די הענט, ווי זיי זאָלן זיך טרענקען און זיך ווערן מיט אַלע כּוחות האַלטן אויפֿן וואַסער. קיין געשרייען האָט מען נישט געהערט — אַזוי שטאַרק האָט די שרעק אַ זעץ געטון איבערן קאָפּ. מ׳האָט געשריגן אין זיך. די שרעק האָט אָפּגענומען דאָס קול, ווי בײַ איינעם, וואָס דער־זעט פֿאַר זיך פּלוצעם דאָס מעסער פֿון אַ רוצח, וואָס קומט נעמען ס׳לעבן. אַפֿילו די פּיצלעך קינדער בײַ דער ברוסט זענען אַנטשוויגן געוואָרן, געלעגן מיט צעשראָקענע אייגעלעך און געלאָזט מיט זיך טון, וואָס מ׳האָט געוואָלט. פֿון קליינוואַרג איז שוין אָפּגערעדט. מ׳האָט אַנגעהויבן אַרויס־צוטראָגן פֿון די שטיבער פּאַרטיקע בעבעכעס — וואַרעם אַנגעטועכץ, צודעקעכץ, ברויט. די מענער האָבן אַנגעשטאָפּט אין די קעשענעס וויפֿל ס׳האָט געקענט אַרײַן: אַ פּעקל שוועבעלעך, אַ תּהילימל, טלית־און־תּפֿילין, אַ ביסל בראַנפֿן פֿאַר אַ רפֿואה, מע זאָל נישט באַדאַרפֿן.

עטלעכע ייִדן האָבן אַוועקגעשפּרײַזט, אין איין אָטעם, צום אַלטן רבֿ, וואָס האָט געוווינט אין איינעם פֿון די ערשטע שטיבער פֿונעם ייִשובֿ.

דער רבֿ, אַ חלוש, האָט געהאַט דערהערט, אַז עפּעס טומלט זיך אין מאַרק, נאָר ער האָט קיין כּוח נישט געהאַט זיך אויפֿצוהייבן פֿונעם ספֿר און אַרויסגיין אַ קוק טון, וואָס דאָרט איז אַזוינס. די אַסטמע האָט אים אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט.

די ייִדן זענען אַרײַן מיט אַ פֿאַרשטיקטן געוואַלד:

רבי, וואָס טוט מען? ראַטעוועטס, רבי . . .

האָט צו זיי דער רבֿ אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זיי אײַנגעשטילט, ווי ער זאָל האָבן געווען גרייט און ווי ער זאָל האָבן געוואַרט אויף זיי.

— שאַ . . . שאַ . . . ס׳איז אַ נסיון . . . דער אייבערשטער וויל אונדז אויספּרוּוון . . .

ער האָט גענומען טלית־און־תּפֿילין, דעם שטעקן, און זיך אַ פֿרײַכנדיקער געלאָזט מיט די ייִדן צוריק אין מאַרק אַרײַן. דאָס שטעטל ייִדן איז זיי אַקעגנגעלאָפֿן, אַרומגערינגלט דעם רבֿ. די ווײַבער זענען אים געפֿאַלן צו די פֿיס:

— רבי, ראַטעוועטס . . .

דער רבֿ האָט איינעם אָנגענומען טאַטעדיק בײַ דער באָרד:

— גיב, זײַ מוחל, אַ לויף צו אין שיל אַרײַן און ברענג מיט זיך אַ ספֿר־תּורה . . . און בײַ די איבעריקע בעט מחילה, וואָס מיר לאָזן זיי איבער . . . מיר׳ן אין גיכן, זאָג זיי, מיטן אייבערשטנס הילף, צוריקקומען . . .

מ׳האָט דעם רבֿ אויפֿגעזעצט אויף אַ פֿערד־און־וועגעלע, דעם איינציקן, וואָס ס׳איז נאָך פֿאַראַן געווען אין שטעטל, און מ׳האָט אָן קיין שום הכנות גענומען ציִען. פֿון איבערוואַרטן די נאַכט איז גאָר קיין רייד נישט געווען.

איטלעכער האָט עפּעס געטראָגן: ווער — בעבעכעס, און ווער — פּיִצלוואַרג. ווען נישט די פּעק און דאָס קליינוואַרג, און ווען נישט דאָס יאָגעניש, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס גייט אַ לוויה. ס׳איז אויף אַ מאָל געוואָרן פֿינצטער. די ווײַבער האָבן נישט אויפֿגעהערט צו רופֿן די קינדער און די מאַנען בײַ די נעמען, און זיי געהייסן זיך אָנהאַלטן איינס אינעם אַנדערן.

דער ייִד אויפֿן וועגעלע האָט מיטן סיקעוואַטן בײַטששטעקעלע דערלאַנגט אַ שמיץ דער שקאַפּע זײַנער, ווי ער איז עס געוווינט געווען צו טון פֿון תּמיד אָן, נאָר ער האָט זיך אָבער תּיכּף באַרעכנט, אַז סע

װאָלט אפֿשר איצט גלײַכער געװען די שקאָפּע װאָס װינציקער צו מוטשען;
— אַז זי װעט באַלד אָנהײבן צו מאַכן קונצן, װעט שוין בעסער זײַן?
עבֿודת־פּרך, אױסגעריסן װערן — דאָס יאָ; אָבער צו קײן גלות האָט זי
...ויין, דאַכט זיך, קײן כּוח נישט . . .

װי ער האָט אַזױ געטראַכט צו זיך אַלײן, האָט אים דער רבֿ אַ צי
געטון פֿון הינטן בײַם רעקל:

— ס׳אַ צער־בעלי־חיים . . . אַז דער, װאָס לעבט אײביק, װעט
װעלן, װעלן מיר אַזױ אױך ניצול װערן.

***

פֿון בײדע זײַטן איז געשטאַנען װאַלד — פֿון די געדיכטע בוקע־
װינער בוקנװעלדער. אױף די װעגן, װאָס שנײַדן זיך אַרײַן אין אָט די
װעלדער, פֿאַלט פֿרי צו די נאַכט, און אַפֿילו אַז זי איז אַ ליכטיקע, איז
זי דאָרט אַ פֿינצטערע.

דער װאַלד איז געשטאַנען װי אַ װאַנט. ס׳האָט זיך אױסגעװיזן,
אַז ער פֿאַרשטעלט דעם װעג, אָבער דער װעג האָט זיך געצױגן און זיך
געשלענגלט צענדליקער קילאָמעטער, און דורכגעציליעט װאַלד נאָך
װאַלד, אַ שטילער, אַ זומערדיקער, אַ שמעקעדיקער — באַשפּרענקלט
מיט גרילן־גרילצערײַ און מיט כּלערלײ פֿײגל־קולות.

פֿון הינטן, ערגעץ איבערן פֿאַרלאָזטן שטעטל, איז די זון געהאַט
פֿאַרגאַנגען. אַ ים פֿון פֿײַער און בלוט האָט געגליװערט איבער די דע־
כער. אין די פֿענצטער איז געלעגן שׂריפֿה. ס׳האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז
אָט־אָט װעט דער ים אַרױס פֿון זײַן גליװער, און אַ מבול פֿון פֿײַער און
פֿון בלוט װעט אַ פֿלײץ טון איבער דער װעלט. די שטעטלדיקע שטיבלעך
זענען קלענער געװאָרן, האָבן זיך צוגעטוליעט אײנס צום אַנדערן, זיך
אײַנגעבױגן, װי אײנער, װאָס איז גרײט צוצונעמען קלעפּ . . . ס׳האָט
נאָר אַרױסגעסטאַרטשעט דער קלױסטערשפּיץ. פֿינצטער און גולמדיק
האָט ער זיך אַרײַנגעשניטן אין פֿײַערדיקן הימל אַרײַן.

פֿון הינטן האָט געגליװערט דער פֿלאַקער פֿון דער שקיעה. פֿון
פֿאָרנט איז געװען אומבאַשטימטקײט, גלות, חושך — און אין דער מיט
האָט זיך געצױגן אַן אַנטלױפֿנדיקע עדה ייִדן, װאָס דער גורל האָט זי
אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע קלעשטשעס.

מ׳איז געלאָפֿן. די שקיעה האָט זיך נישט געװאָלט אײַנלעשן. זי
האָט נאָכגעפֿאָכעט מיט פֿײַערדיקע שװערדן. טיפֿער אין װאַלד איז אױף
אַ מאָל געװאָרן שטאָק פֿינצטער. מ׳האָט נישט געזען דעם װעג. מ׳האָט

אים געפּילט אונטער די טריט. די שקאַפּע האָט געוווּסט וואָס וועג איז, און געטראָפן אין דער פינצטער. האָט מען זיך געהאַלטן אַרום וועגעלע.

אַז מ׳איז מיד געוואָרן, האָט מען זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט, זיך צוגעזעצט ווו מ׳איז געשטאַנען, זיך צוגעשפּאַרט, אַרויסגעלייגט די שלאָפנדיקע עופּעלעך פון די הענט, אָבער קיין שלאָף האָט נישט גענומען. די קינדער האָבן יאָ עטלעכע כראָפּע געטון, נאָר מ׳האָט זיי באַלד גענומען וועקן, באַכען, יאָגן:

— אוי, אַן אומגליק! . . .

— דאָס וויל גאָרנישט אויפשטיין . . .

דער וואַלד האָט געהוזשעט אינעם ביינאַכטיקן ווינט. פון ביידע זייטן האָט געגלאָצט אַ בלינדע פינצטערניש, נאָר פון די אָפּהילכן פון ווייטע באָמבע־אויפרייסן האָט זי אַלע מאָל אַ ציטער געטון, בלינדערהייט אַ בלינצל געטון. מ׳האָט נישט געוווּסט פון וועלכער זייט זיי קומען, די אָפּהילכן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז פון אַלע פיר זייטן.

אַן אַנדערט מאָל וואָלטן די ייִדן נישט געפאָרן האַלבע נאַכט, מורא געהאַט פאַר שדים און מזיקים, פאַר גזלנים. אָבער איצט איז די איינגערעדטע מורא פאַרן וואַלד בטל געוואָרן פאַר דער מורא פאַרן טויט אַליין, וואָס האָט זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט אויף שלאַנגענדיקע טאַנקענרעדער.

די נאַכט איז געווען לאַנג ווי דאָס גלות. ס׳האָט זיך נישט געגלייבט, אַז ס׳עט נאָך אַ מאָל ווערן טאָג. אַז מ׳האָט קוים דערלעבט אַ שטיקל שפּראָץ אויף טאָג, האָט מען פּלוצעם דערפילט, אַז די פיס האָבן פּשוט אויפגעהערט צו דינען. איינער האָט זיך אָנגערופן, אַז ביי טאָג איז אַ סכנה צו לויפן — עראָפּלאַנען קענען נאָך, חלילה, דערזען. איז מען אַריין אין וואַלד אַריין, נישט טיף, נאָר אין אַ געדיכטעניש, און מ׳איז געגעבן אַ פאַל צו צו דער ערד, אַזוי ווי אונטערגעהאַקטע. די קינדער האָט מען גענומען איינדעקן מיט ווו נאָר אַ שמאַטע — זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט צוקילן אויף דער נאַכטיק קאַלטעד ערד. די עלטערע האָבן זיך אויך צוגעלייגט, געשלאָפן ברעקלעך שלאָף און זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט מיט אַ דערשרעק. די שקאַפּע האָט מען אויסגעשפּאַנט, זי אַרומגעווישט מיט דער הוילער לאַפּע, און זי אָוועקגעפירט אַ ביסל טיפער אין וואַלד אַריין — דאָרט מוז אַוודאי ערגעץ זיין אַ טייכל, האָט דער שׂכל אויסגעטראָגן — וועט מען זי אָנפּויען. אַז מ׳איז מיט איר צוריקגעקומען,

זענען אַלע געלעגן צעלייגט אויף דער ערד, ווי אַוועקגעוואָרפֿענע. די, וואָס זענען נישט געשלאָפֿן, האָבן סתּם אַזוי געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט — אפֿשר וועט זיך דער שׂר פֿון שלאָף פֿאַרט דערבאַרעמען און אויף זיי אַ פּאַכע טון מיט אַ פֿליגל.

דער רבֿ איז געלעגן אין וואָגן און האָט שווער געפּרײַכט, פֿון אַסטמע. בײַם אָרײַנאָטעמען די לופֿט האָט בײַ אים אין דער ברוסט אַ פֿײַף געטון — לאַנג און דין און שטיל. נישט נאָר די ברוסט האָט זיך בײַם אָטעמען געהויבן און זיך אַראָפּגעלאָזט, נאָר דער גאַנצער האַלבער גוף האָט זיך דערבײַ געוויגט. ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט לופֿט. ער האָט זיך געראַנגלט. דער מיחוש זײַנער האָט זיך אין דער קילער פֿרימאָרגן-לופֿט שטאַרקער געלאָזט פֿילן. ווען ס'איז אין דער היים, האָט ער דערצו אַ מיטל, וואָס העלפֿט אַ ביסל: אַרײַנלייגן די פֿיס אין אַ שטאַרק וואַרעמער שיסל וואַסער. מ'איז געשטאַנען אַרום וואָגן, געקוקט אויפֿן רבֿ מיט גרויס מיטפֿילונג, גרייט צו טון וואָס מ'עט הייסן, אַבי דעם רבֿ זאָל גרינגער ווערן. מ'איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט און געוואַרט אויפֿן רבֿס כאָטש אַ וואָרט, און אַז מ'האָט געזען, אַז אים ווערט נישט גרינגער, האָט איינער אַרויסגעפּלאַצט:

— רבי, פֿאַר וואָס קומט עס אונדז, פֿאַר וואָס?

— מסתּמא קומט עס אונדז — האָט דער רבֿ זיך געראַנגלט נאָך אַ ביסל לופֿט, און אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף איינעמס אַן אַקסל, געזוכט אַן אָנהאַלט אין זײַן געראַנגל.

— אַ ילוד־אשה . . . טאָר בײַם איבערשטן . . . קיין קשיות . . . נישט פֿרעגן . . . ער מעג נאָר . . . בעטן רחמים . . .

און ער האָט די האַנט צוריק אַראָפּגענומען. זי האָט גאָרנישט גע־האָלפֿן. איז עמעצער אַוועק צו די, וואָס זענען נאָך געשלאָפֿן, האָט אַ טאָרע געטון איינעם, אַ צווייטן: — דעם רבֿ איז זייער שלעכט . . . וואָס ליגט איר, ווי די בהמות?

זענען אַלע אויפֿגעשפּרונגען און מ'איז צו צום רבֿ, אים אײַנגע־דעקט מיט די רעקלעך, מיט די לײַבלעך, אים אײַנגעוואָרעמט. נאָך אַ לאַנגן געראַנגל איז ער אַ ביסל געקומען צו זיך. ער האָט זיך אויסגע־ווישט די אויגן פֿון די טרערן, וואָס זענען אַליין געקוואָלן בשעת אַן אָנפֿאַל פֿון אַסטמע. ער האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— געלויב דעם איבערשטן . . .

מ'איז שוין פֿון אים נישט אָפּגעטראָטן. מ'האָט אים אַראָפּגענומען

פֿונעם וואָגן, און אים אַ ביסל אַרומגעפֿירט. צוויי האָבן אים געהאַלטן אונטער די אָרעמס.

***

דער וואַלד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און גענומען מיט אַן אַ שיעור שירה לויבן דעם באַשעפֿער, איטלעכס גרעזעלע און איטלעכס בריאהלע, אַפֿילו דאָס מינדסטע, האָט געהאַט עפּעס אויסצוזינגען וועגן דער חכמה און וועגן דער גוטסקייט, וואָס גאָט האָט מיט זיי די וועלט באַשאַפֿן און פֿול געמאַכט . . . דער וואַלד האָט זיך אַזש געוויגט פֿון געזאַנג . . . די עדה ייִדן האָט זיך פֿאַרשעמט, זיך דערפֿילט נאָך מער פֿאַראָבלט. מ׳האָט איינציקווײַז אָנגעטון טלית־און־תּפֿילין און זיך געשטעלט דאַווענען מיט מנין. ס׳איז געווען אַ שטיל דאַווענען, כּמעט מיט די הוילע ליפּן. דער בעל-תּפֿילה האָט געדאַוונט כּמעט ווי פֿאַר זיך אַליין. די ווײַבער זענען געשטאַנען בײַ די זײַטן, באַסטאַמפּעוועטע מיט די עופּעלעך און מיט די קינדער, און געשנײַצט די נעזער. די קינדער, וואָס זיי זענען נאָך געשלאָפֿן, האָבן זיך איבערגעוועקט. ס׳איז זיי געווען קאַלט, האָבן זיי זיך צעוויינט. דער וואַלדגעזאַנג איז שטילער געוואָרן, זיך צוגעהערט אַ פֿאַרחידושטער: ווי קומט אַהער געוויין? . . .

אַז מ׳האָט אָפּגעמורמלט דאָס דאַווענען, האָט איינער געברענגט אַן עמער וואַסער, מ׳האָט זיך געוואַשן און פֿאַרזוכט צו שטיקלעך ברויט. צום ברויט האָט מען געהאַט צו שטיקלעך ציבעלע. דער רבֿ האָט אַ „המוציא״ געמאַכט איבער אַ כּזית. ער איז בײַ זיך געווען שטאַרק געפֿאַלן, פֿול מיט מאָדנע אַנגסטן, און דערצו איז פֿון אים די אַסטמע נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט. נאָר ער האָט פֿאַר אַלעמען געהאַט אַ גוט וואָרט, נישט געלאָזט זיך מיאש זײַן.

מ׳האָט אָפּגעבלאָנקעט אַ נאַכט מיט אַ טאָג. אַז מ׳האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געשיסערײַען ווערן געדיכטער און קומען נעענטער. ס׳האָט אונטערגעטראָגן. מ׳האָט געכאַפּט די בעבעכעס און מ׳האָט ווײַטער געצויגן, אַלע מאָל מיט ווינציקער כּוחות. די מיד האָט זיך געקרעמפּעוועט אַרום די פֿיס, אַזוי ווי שטריק. מ׳האָט נאָך מער דערפֿילט דעם ווייטיק, אַז מ׳האָט זיך אויפֿגעהויבן — נאָכן צוזעצן זיך אויף אַ מינוט. ס׳איז תּחילת שווער געווען אַ שפּאַן צו טון. נאָר מ׳איז זיך אײַנגעגאַנגען. געגאַנגען איז מען האַרט לעבן וואַלד, כּדי אַז טאָמער דערהערט מען אַן עראָפּלאַן, זאָל מען קענען אַרײַן אין וואַלד זיך באַהאַלטן.

די ווײַבער האָבן די עופּעלעך געשטופּט די בריסט אין די מײַ־לעכלעך אַרײַן — זיי זאָלן שטיל זײַן. ס׳האָט נישט קיין סך געהאָלפֿן.

די זון האָט זיך באַוויזן אין דיביימערצווײַגן, אַ נײַ געבוירענע, מיט טרייסטונג אין די פֿליגל. נאָר די טרייסט איז צו דער עדה ייִדן נישט דערגאַנגען. זיי האָט די זון תּיכף אָנגעהויבן באַקן.

דער רבֿ איז געזעסן אויפֿן וואָגן, מיטן גרײַז גראָען קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט, ווי אַ פֿאַרמישפּטער, און האָט שווער געאָטעמט. מ׳האָט אים נישט געטשעפּעט — אַזוי האָט ער געבעטן. קעגן צווייטן מיטן טאָג צו איז מען אָוועקגעפֿאַלן אין גראָז, מ׳האָט אַרויסגעלייגט פֿון די הענט די פּיצלעך קינדער און די פּעק, און נאָכגעלאָזט די גלידער. די געשיסערײַען זענען געדיכטער געוואָרן, געקומען נעענטער, און האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד. נאָך איטלעכן שאָס האָבן די שפּיצן ביימער זיך אַ בייג געטון און זיך צעזשורזשעט.

דער רבֿ האָט צוגערופֿן איינעם פֿון די ייִדן, זיך מיט אים געסודעט. קיינער האָט עס נישט געזען. די ווײַבער — אַוודאי נישט. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדער רומל, וואָס פֿון זײַן מיט האָט זיך אָן אויפֿ־הער געטראָגן אַ קרעכצן, וואָס איז וואָס אַ מאָל שוואַכער געוואָרן, ביז ס׳איז לסוף אין גאַנצן שטיל געוואָרן. די ווײַבער האָבן זיך דאָרט גע־פּאָרעט אַרום אַ יולדת.

דער רבֿ איז געווען מסוכן אָפּגעשוואַכט פֿון טירחת־הדרך און פֿונעם מיחוש, וואָס האָט אים וואָס אַ מינוט אַלץ מער פֿאַרשנירלט און פֿאַרצויגן דעם האַלדז. מיט אַ פֿינגער האָט ער צוגערופֿן אַ ייִדן צו זיך און אים עפּעס אַרײַנגעשושקעט אין אויער אַרײַן. ער האָט זיך געראַנגלט פֿאַר איטלעכן וואָרט:

— אַז ס׳עט געבוירן ווערן . . . אַ ייִנגל . . . זאָל מען אַ נאָמען געבן . . . ירחמיאל . . . און אויב אַ מיידל . . . נחמה . .. און שאַ . . . מאַך נישט קיין טומל . . . און ער האָט צוגעלייגט אַ פֿינגער צום מויל.

דער ייִד האָט אַ דערשראָקענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. טרערן האָבן אים אַ וואָרג געטון, האָט ער זיך אָוועקגעווענדט. די איבעריקע איז נישט געפֿעלן דעם ייִדנס דערשראָקענע מראה. איינציקווײַז האָט מען זיך צוגעשאָרט צום רבֿ. ער איז געווען ווײַס ווי די וואַנט. די אויגן — האַלב פֿאַרמאַכט. אויף אַ מינוט האָט זיך געדאַכט, אַז ער שלאָפֿט. איי־נער איז צו, אים כּמעט אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען און אַ זאָג געטון מיט שרעק און מיט טענה:

— רבי . . .

פּונעם קול האָט דער רבֿ געעפֿנט די אויגן, געגעבן אַ שפּרייט מיטן בליק איבער אַלעמענס פּנימער, און זיי צוריק פֿאַרמאַכט. די ייִדן זענען שטאַרק מבֿולבל געוואָרן. מ׳האָט פֿון ערגעץ אַ פּאַק אַרויסגע־שלעפּט אַ מעבֿר־יבוק. אַלע האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם איי־נעם ספֿרל און זיך גענומען שאָקלען אין גרויס תּחנונים.

אַז די ווײַבער האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז, זענען זיי אַלע — חוץ עטלעכע — צו, מיט יללות און מיט געוויינען, נישט געוואָלט דעם רבֿ לאָזן שטאַרבן. נאָר די מענער האָבן זיי אָפּגעטריבן. האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום וואָגן, ווו דער גוסס איז געלעגן, געבראָכן זיך די הענט און זיך געשלאָגן מיט די פֿויסטן אין קאָפּ אַרײַן.

— רבי, לאָזטס אונדז נישט איבער . . .

די שטילע קאַפּיטלען מעבֿר־יבוק זענען פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון ווײַבערישע יללות, ביז פֿון דאָרט, ווו עטלעכע ווײַבער זענען געהאַט געבליבן בײַ דער קרעכצנדיקער געווינערין, האָט זיך מיט אַ מאָל דער־הערט אַ פֿאַרשטיקטער אויסגעשריי, ווי דורך אַ פֿאַרשטשעמעט מויל; ער האָט אַ רגע געפֿלאַטערט, זיך מיט עמעצן ווי געראַנגלט, און זיך פֿאַרענדיקט מיט אַן אומגעריכטן קוויטש — און ווײַטער: שטיל, שאַ.

ס׳האָט איטלעכן דערלאַנגט אַ שניט. די מענער האָבן נישט תּיכף פֿאַרשטאַנען די שײַכות צווישן דעם רבֿס יציאת־נשמה און דעם קינדס געבוירן ווערן, כאָטש אַזוי האָבן זיי זיך פֿונעם קוויטש שטאַרקער צע־וויגט איבערן מעבֿר־יבוק. די ווײַבער זענען אָבער אַלע ווי איינע אַוועק גלײַך צו דער געווינערין.

ס׳איז געווען אַ ייִנגל. מ׳האָט זיך אָפּגעגעבן פֿאַרוויינטע מזל־טובֿן. מ׳איז זיך געפֿאַלן אויף די העלדזער און מ׳האָט ביטער געקלאָגט.

די יולדת איז געלעגן אויף דער ערד אַ פֿאַרפּײַניקטע, אַ פֿאַר־חלשטע, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, און האָט קוים געאָטעמט.

נישט ווייט האָט זיך אַ פֿייגעלע צעפּישטשעט. וואָס ווייסט אַ פֿייגעלע? גאָט האָט אין אים אַרײַנגעגעבן אַ געדאַנק צו פּישטשען — פּישטשעט עס . . .

(„די צוקונפֿט״, סעפּטעמבער, 1943)

גלאָסאַר

אויסשטאַפּירן זיך — זיך אויסשטרויען
אַחר — אֶלישע בן אבויה, תּנא אין ארץ ישׂראל, אַן ערך 40 יאָר נ״ק. איז אַוועק פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער גריכישער קולטור.
האַלאַסען — וואויוועץ, ווילדעוועץ
טירחת־הדרך — מאַטערניש פֿון אונטער וועגנס
טירוף — משוגעת
טפח, טפחים — אַ מאָס, וויפֿל די ברייט פֿון דער דלאָניע
יוכע — כּעס
ייִתוש — פֿליגעלע, מאָסקיט
ילוד־אשה — געבוירן פֿון אַ פֿרוי; מענטש
יולדת — געווינערין
להד״ם — לא היו דברים מעולם; ס׳איז גאָר קיין מאָל נישט געווען
לקחער — גנבֿ
מהר״ל — ר׳ יהודא ליווא בן בצלאל, רבֿ אין פּראָג, אין 16טן י״ה
מער — מעשׂה
מעבֿר־יבוק — ספר מיט תּפֿילות, וואָס מע זאָגט זיי ביי אַ גוסס און אויפֿן בית עולם
פֿויג — אַ גרויסער פֿויגל
קרבן־תּודה — דאַנקשאַפֿט־קרבן
רמח״ל — ר׳ משה חיים לוצאַטו; דיכטער און מקובל אין איטאַליע, אין 17טן י״ה, מחבר פֿונעם וווּנדערלעכן מוסר־ספֿר „מסילת־ישרים״ א״אַ.
שיר־המעלותלעך — אַזוינע בריוועלעך מיטן קאַפּיטל קכא׳ פֿון תּהילים און מיט פֿאַרשיידענע אויסגעמאָלענע קבלה־צייכנס און ראָשי־תּיבֿות — און וואָס מע צעהענגט ביי אַ קימפּעטאָרין אין שטוב, כּדי צו פֿאַרטרייבן די שדים און דער עיקר לילית, וואָס קומט דער קימפּעטאָרין שלעכטס טון.

תוכן

זיבן שטערן־ליכטערס — 3

דער מאַמעס מעשהלע, דעם טאַטנס ניגון — 3

איך וואָלט דאָס לעבן מײַנס אָוועקגעגעבן — 6

אַ שטערנדל איז מיך מקנא — 6

(כ׳האָב געהויערט) — 8

כ׳האָב געזען אַ וואָלקן שוועבן — 8

אַ פּאָעט בישׂראל — 10

שטיל — 14

דער פּריפּעטשיק איז מיר צעבראָכן — 15

ווי דורך ווײַטע פֿלייטן — 17

ליד — 20

פּרץ מיראַנסקי — 23

מײַן פֿייגעלע, מײַן פֿידעלע — 24

באַלאַדע אָן אַ נאָמען — 26

מיר חלומט זיך — 39

אַ מאָדנער געדאַנק — 40

אַ ליד וועגן וואָלקנלעמעלעך — 41

האָמאָ סאַפּיענס 1977 — 46

דרײַ געהאָנגענע ייִדן — 48

אין אַ נעפּלדיקן פֿאַרנאַכט אין דאָרף — 50

אַ טיר און אַ ווינט — 52

קאָשמאַר — 53

שבתי פּערל — 54

צום רמח״ל — 55

(איך דאַרף ניִשט) — 58

פֿלי, פֿלאַטער ערלעך — 59

געדאַנקען פֿון אַ צוגעדולטן — 60

אַ מעשׂה מיט אַ פֿויגל — 62

ווינטערליד — 65

די עפּלביימער שטייען פֿולע — 67

זאָג מיר, וואָס ס׳טוט דיר ווײ — 68

אין צווייען — — — — — — — — — — — — — — 69
אַ דאַנק — — — — — — — — — — — — — — — 70
אַ קינדס אַ קינד — — — — — — — — — — — — — 71
אין פּאָלקסטאָן — — — — — — — — — — — — — 72
(באַפּרוכטן מיט אַ קוש) — — — — — — — — — — 73
אַ קליינע מעשׂה — — — — — — — — — — — — — 74
(זומער גייען די מיידלעך) — — — — — — — — — 75
בלויז דער — — — — — — — — — — — — — — — 75
(גריכיש) — — — — — — — — — — — — — — — — 76
קאָליאַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 76
גלות — — — — — — — — — — — — — — — — — 82